STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00204

IN LIKHT FUN DOYRES

Malka Lee

Permanent preservation of this book was made possible by
Rae F. Kallenberg
in memory of
Peral Leah & Isaac Leib Katz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה לי / אין ליכט פון דורות

מלכה לי

אין ליכט פון דורות

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל
1961

MALKA LEE
IN LICHT FUN DOIRES

Publishing House I. L. Peretz
31, Allenby str., Tel-Aviv

מלכה לי
אין ליכט פון דורות

פאַרלאַג י. ל. פרץ
תל־אביב, רח׳ אלנבי, 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1961

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

מלכה לי

מלכה לי / אין ליכט פון דורות

אין ליכטיקן אָנדענק

חנה דוהל־לעווין

א

צום אויסגעבענקטן טאָג

אָ, לעבן מיינס, דורך פּיין פון טעג — פאַרויס
צום אויסגעבענקטן טאָג פון אַלע מיינע טרוימען.
צום הויכן באַרג ווו עס שטייט דאָס הויז,
ווו פענצטער קוקן צו די בלויסטע רוימען.

ווו עס שטייט דער בוים אין מאַראַנצן־גאָלד באַצירט,
ווו עס ליגט דער טאָל אין גרינע בונטן זאַנגען,
צום חלום־לאַנד, ווו מיין מאַמעס האַנט האָט מיך געפירט,
ווו איך קאָן דעם בלויסטן חלום מיט דער האַנט דערלאַנגען,

ווו כ׳האָב געזען די שאָף אין ווייסע כוואַליעס ציען,
ווו כ׳האָב געהערט דעם פּאַסטעך שפּילן אויף זיין פלייט,
אויף יענע הויכע בערג ווו די צעדער גרינען,
ווו די זון אין כרמל־גאָלד פאַרגייט.

צום חלום־לאַנד פון אויסגעבענקטע אויגן,
ווו יידן טאַנצן אויף צעפּיקעניש די פיינט,
ווו עס ליגט פון דורות אַ טרערן־רעגנבויגן,
נאָך יעדן מבול די זון אויפסניי זי שיינט...

אָ, לעבן מיינס, דורך פּיין און דורך געזאַנגען,
איך בין אַ צווייגל פון דיין אויפגעבליטן שטאַם,
פאַר מיין אויג אַ ליכט איז אויפגעגאַנגען,
קיין שטורעם וועט ניט אויסלעשן דעם פלאַם!

איך רוף דיך אַרויס

איך רוף דיך אַרויס איבער בערג אין מיין פליען,
איך רוף דיך אַרויס דורך הימל און הויכן,
איך רוף דיך אַרויס דורך פייגל וואָס ציען,
דורך כמאַרעס פאַרצויגן מיט רויכן.

איך רוף דיך אַרויס דורך שטילקייט פון שווייגן,
דורך שיינקייט פון בליונג און פאַרבן.
איך רוף דיך אַרויס דורך בוימער און צווייגן,
געשלאָגן דורך ווינטן מיט קאַרבן.

איך רוף דיך אַרויס דורך פעלדער מיט לאַנען
טרינק אָן מיך מיט נייע געזאַנגען!
אין הימל אין ערד, אין אַלץ ביסט פאַראַנען —
אין פרילינג וואָס איז אויפגעגאַנגען...

גוטמאָרגן דיר, ליכטיקייט!

פרילינג לויכט פון אייביק, אייביק אָן,
ליכטיקער און זוניקער, אייביק לויכט די זון.

רייִן די לופט, מיט זון די גאַס וווּנדערלעך צו זייִן,
זיך אָנטרינקען מיט ליכט — שיכור ווי פון ווייִן.

שטאָמיק בוים אין דער ערד, פון בלעטער אויסגעטאָן,
מאַזאָליעם צווייגן־הענט זיך ציִען צו דער זון.

דאָ און דאָרט אַ ווינטער־פלעק, גליווערט שנייִאיק־ווייס,
די זון קושט אויס די קאַלטע ווּנד פון פראָסט און אייז.

זוניק שפרייט זיך אויס די וועלט, אַהויבן אויפסנייִ.
דער פויגל פליט און זינגט ווי איך מיט פליגל צו דער פרייִ.

וווּנדערלעך צו גייִן אין גאַס, דער הימל רייִן און בלוי.
דורך מייִנע אויגן שטראַליקע גלימערט פרילינג־טוי.

אָט גייט אַ מענטש אינמיטן גאַס אויף זוניקן אַספאַלט, —
גוטמאָרגן דיר, דו פרעמדער מענטש — זייִן פּנים שטראַלט.

אָט גייט אַ פרוי און שטופּט פאָרויס אַ וועגל מיט אַ קינד —
גוטמאָרגן דיר, מאַמע־פרוי — די וועלט אויפסנייִ זי זינגט.

און אַמניבוס אַנטקעגן קומט, דער שאָפער ברומט אַ ליד, —
גוטמאָרגן דיר, דו שייִנער יונג — די וועלט אויפסנייִ זי בליט.

אַנטקעגן פֿאַרט אַן אַלטער ייִד מיט גריַנוואַרג אין זײַן בויד,
דאָס פֿערדל טאַנצט אַנטקעגן זון און שלעפּט דעם יאָך פֿון ברויט.

אויף רעדלעך ראָלן קינדערלעך אַנטקעגן זון פֿאָרויס,
טעפּיכער פֿון פֿרילינג-גאָלד אויף וועגן שפּרייט זיך אויס.

געווען איז ליכט, עס וועט אייביק זײַן, פֿון אייביק אָן —
גוטמאָרגן דיר, ליכטיקייט, עס איז אייביק יונג די זון!

פרילינג

שיר־השירים, אייביק ליד פון ליבע און געזאנגען,
שיר־השירים, ס'איז פרילינג אויפגעגאנגען!
פון אויפגעוואכטער פרייד פון אלע גלידער,
שיר השירים, געזאנג פון אלע לידער,
שיר־השירים פון אייביק זיין און ווערן,
פון הימל, זון און נעכט פון לויטער שטערן,
פון פייגל־פרייד, געזאנג דורך בלויע ווייטן —
שיר־השירים, געזאנג דורך אלע צייטן!

אין יעדן נייעם פרילינג שטראל איך מיט דיין שירה,
אין דיין אויפלויכט בין איך אן אויפגעשפילטע לירע.
איך וועל דיין שיינקייט איבער אלע בערג צעקלינגען,
אלע פרילינג־טייכן דורך מיינע בלוטן זינגען.
שיר־השירים, הויב אויף מיך פון דער נידער;
ווען דיינע קנאספן בליען — בליען מיינע לידער.
פרילינג אייביקער, איך וויל דיין אויפבלי שפינען,
די גאנצע וועלט איז מיינע — ווען דיינע פעלדער גרינען...

שיר־השירים, פון פרילינג און באנייונג,
פון ווינטער־אייז, פון פראסט און שניי־באפרייונג,
ווען זון קושט קנאספן, ערד גייט אויף מיט זוימען,
בין איך א טייל פון דיר — געזאנג פון מיינע טרוימען.
איך בין באהעפט מיט דיר, מיט אלץ וואס זינגט מיט ווערן,
איך בין א טייל פון דיר, מיין גאט פון הימל, זון און שטערן.
אלע דורות זינגען געזאנג דורך מיינע גלידער —
שיר־השירים, פרילינג אייביקער, ליד פון אלע לידער!

גאָלדענע זון

גאָלדענע זון, וואַרף אַראָפּ דיינע שלייערן,
צעוויי דיינע ליכטיקע שטראַלן!
ווי אַ פרוי מיט באַהאַלטענע פייערן —
איר זוניקע שיינקייט באַשטראַלן.

גאָלדענער טאָג, אין פרילינג צעקלונגען,
צעקנאָספּט אין גלוסטיקן פיבער,
עס האָבן פייגל פאַר דיין שיינקייט געזונגען —
מיט פליגל אין ווינטיקן ציטער.

הינטער דיין שיינקייט כמאַרעס זיך יאָגן
דיין גאָלדקייט פאַרצוקן, פאַרשלינגען,
דו שוועבסט אַוועק אויף אַ פלאַמיקן וואָגן
אין שטראַליקע זוניקע רינגען.

דו ווערסט פאַרקנס׳ט מיט בוימער פאַרשוואַרצטע,
זיי כאַפּן זיך אויף פונעם דרימל;
יונגע קנאָספּן אין ווינטער פאַרשפּאַרטע,
מיט פּיסקלעך זיך ציען צום הימל.

גאָלדענע זון, שפּרייט אוים דיינע שלייערן,
איך בין אויך אַ טייל פון דיין פיבער,
איך שוועב מיט דיר אין זוניקע פייערן
ווי אַ הירש מיט שטראַליקע גלידער.

פאַראַן אַ שפּראַך אַזאַ

פאַראַן אַ שפּראַך אַזאַ — געפלאָכטן ניט פון ווערטער,
אַ שפּראַך אַזאַ, פון בלויע בליקן שטראַליק דין,
אַ שפּראַך אַזאַ, — דורך מענטשן צוויי באַגערטע,
אַ בליקן־שפּראַך — שיכור פון יאַסמין...

פאַראַן אַ שפּראַך אַזאַ, וואָס קיינער קאָן ניט שרייבן,
ווער עס רעדט אויף איר צעליכטיקט זיך דאָס בלוט,
אַ בליקן־שפּראַך דורך פריידן און דורך ליידן —
אויף יענער שטומער שפּראַך גאָטס אַטעם רוט.

פאַראַן אַ שפּראַך אַזאַ — פאַרליבטע נאָר דערשפּירן,
אַלע בענקשאַפטן פאַרזיגלט אין איין בליק.
אַ שטילע שפּראַך די אויגן פירן
און בינדן זיך אויף שטראַלנדיקער בריק...

אַ זילבערנע נאַכט

אַ זילבערנע נאַכט צעבליצט אויפֿן פֿעלד,
מיט זילבער באַגאָסן די נאַכטיקע וועלט.

זילבערנע דעכער און זילבערנע ווענט,
לבנה שמעלצט זילבער אויף מיינע צוויי הענט.

זילבערנע בוימער אין בלעטער־געוועב —
לבנה קעמט זיי די זילבערנע צעפּ...

אַ זילבערנער טויער, אַ זילבערנער שליאַך,
די דראָטן ווי סטרונעס צעשפּילט אין דער נאַכט.

איך בין ווי פֿאַרשפּינט אין אַ זילבערנער וועלט,
שטערן ווי אויגן אין הימל צעהעלט.

זילבערנע רענדלעך בליצן אין טייך —
איך שעפּ, און איך שעפּ, ווער איז צו מיר גלייך...

אין דער שטילקייט

א

איך זינג מיט דיר, ווען עס עפנען זיך די בלומען,
דאָס בלויע פעלד בליט איצט מיט דיין נאָמען.

איך גרין מיט דיר אין אַלע גרינע צווייטן,
איך שיין מיט דיר אין אַלע פרילינג-בליטן.

איך רויש מיט דיר, ווען אַלע צווייגן רוישן,
איך רייף מיט דיר, ווי אויבסטן רייף אין קוישן.

ביסט פול אין מיר, ווי ערד מיט הימל-שטערן —
אין שטילקייט פון דער נאַכט קאָנסטו מיך הערן.

ב

אין אַ נאַכט אַזאַ ביסטו צו מיר געקומען,
אין אַ נאַכט אַזאַ — דיינע טריט פאַרנומען.

אין אַ נאַכט אַזאַ האָבן שטערן זיך געריסן
אין אַ נאַכט אַזאַ דעם הימל אויפצושליסן.

אין אַ נאַכט אַזאַ ווי אַ פאַלנדיקער שטערן,
אין דיר געוואָלט פאַרלאַשן ווערן.

אין אַ נאַכט אַזאַ דיין ווייב געוואָרן,
פון אונדזער פרייד — אַ זון געבאָרן...

לאַנדשאַפט

אָ, בערג, מײַנע בערג, פֿאַרשטײנערט אין צײַטן,
אין פֿרילינג־באַנײַונג דורך אײביקײטן.

הימל אין רונדקײט מיט בלוי אָנגעגאָסן,
אָקסל צו אָקסל בערג אײַנגעשלאָסן.

מיט גאָלדענע פֿעלדער צעשניטן אין פּאַסן,
װי חלות און ברויטן אויף גאָלדענע טאַצן.

שטיבעלעך װײַסע װי צעשאָטענע שװאָמען,
בריקעלעך הענגען איבער פֿעלדזיקע תהומען.

טײַכן זיך שנירן װי זילבערנע װעגן,
בריקן װי גלאָקן הענגען אַנטקעגן.

װער קאָן באַזינגען, װער קאָן פֿאַרגלײַכן,
װען הימל טרינקט מילך פֿון זילבערנע טײַכן.

אויף פעלדזיקע שפּיצן

איך גאַרטל אַרום איצט די פעלדזיקע שפּיצן,
זאָל איך דאָ אין שטיין דיין אָפּבילד איינקריצן?
אויף בערגיקע שפּיצן איך קלעטער און קלעטער,
איך זע דיך שוועבן אין שיינקייט פון בלעטער.

איך לאָז זיך אַראָפּ צום טאָל אַרום טייכן,
ביסט אויך דאָ געווען, געלאָזט דאָ אַ צייכן.
דו היטסט מיך אין גאַנג — אַן אייביקער שומר —
און שטייגסט מיט מיר אויף שפּיצן פון בוימער.

דו לויפסט מיר נאָך און קרייזסט אין די ווינטן,
איך זע דאָרט דיין פּנים אין וואָלקנס פאַרשווינדן,
אַט ביסטו ווידער דורך זונגאָלד געבוירן,
אַט האָב איך געמיינט — איך האָב דיך פאַרלוירן.

אַט שוועב איך אַוועק אין נאַכטיקע שלייערן,
אַט קוקסטו אויף מיר דורך ליכטיקע פייערן.
איך לויף אין דער נאַכט אַנטרונען צו ווערן,
דו לויפסט מיר נאָך — אַ ליכטיקער שטערן...

איך קלעטער אַרויף אויף אַ שטראַליקן לייטער,
דו וואַקסט איבער מיר, שטילער באַגלייטער.
אין ווערק פון די פעלדזן איך וויל דיך איינקריצן,
אין דונער פון הימל, אין פייער פון בליצן.

שטורעם

ווער טרייסלט דאָרט אין לופטן שלעסער?
מיט דונער־רעדער שאַלט די וועלט.
ווער קייקלט דאָרט אין הימל פעסער?
הינטער כמאַרעס — בערג צעשטעלט.

ווער רייסט די בוימער מיט די שטאַמען?
ווער וויכערט בלעטער מיטן ווינט?
ווער צינדט די ראַנדן אָן מיט פלאַמען,
קעלבער־וואָלקנס שעכט און שינדט?

ווער פויקט אין פויק פון הימל רונדן,
ווען די וועלט שאַלט און בליצט,
ווער אַנטפּלעקט די פייער־ווונדן
ווען גאָט אַליין מיט רוגזה קריצט?

ווי מיט צאַפּנס פולע פעסער
גיסט דער רעגן, פליוכעט, קוועלט,
מיט אַ בליציק פייער־מעסער —
מאַכט גאָט אַ ברכה איבער וועלט...

צינד אָן דיינע בליצן

צינד אָן אין דער נאַכט דיינע בליצן,
באַלייכט מיר מיין נאַכטיקן גאַנג,
אָ, זאָלסט מיך אין שטורעם באַשיצן,
שטרעק אויס מיר דיין ליכטיקע האַנט!

צעוויג איצט מיין שטיבל אין דונער,
צעטרייסל מיין נאַכטיקע שעה;
צעבליץ מיך אין גלי פונעם זומער,
צעשווינג איצט מיין נאַכטיקע רו.

נעם אַרום מיך מיט רויש פון די בוימער,
מיט ווינטן באַקוש איצט מיין גאַנג,
טו אויס מיך פון פינצטערן חומר,
זיין זאָל איך לויטער געזאַנג.

צינד אָן אין דער נאַכט דיינע בליצן,
אין פייער באַוויז דיין געשטאַלט,
אין אייביקייט זאָלסטו אויסקריצן
דיין שיינקייט פון שטורעם אין וואַלד...

דער מעטעאָר

איבער מיין קאָפּ ער האָט זיך געטראָגן,
דורך נעצן פון הימלישע שטערן.
אַ רים זיך געטאָן פון פייערדיקן וואָגן,
אין אייגענעם פלאַם צו פאַרצערן.

אַ פייעריקע בייטש — אַ גילגול פון זונען,
אין פאַל זיין פייער צעשטערן,
הינטער די בערג אין הושך אַנטרונען,
אויף אייביק פאַרלאָשן צו ווערן.

אָ, ווער וועט זיין שפור דורך דורות געפינען? —
אַ קויל פון פאַרלאָשענע פלאַמען,
אַ פינטל פאַרקוילט צווישן שטיינערנע מינען,
דער מעטעאָר איז געפאַלן.

טשאַנדאַלי און טשיקאָ

אויפן שפּיץ פון באַרג, ווו די וועלט האָט אַן עק,
דאָרט וווינט טשאַנדאַלי אין איר חלום.
ווען די זון גייט אויף, פליט טשיקאָ אַוועק,
אויף פליגל פון וואָלקנס־קרישטאָלן.

אויפן שפּיץ פון באַרג דאָרט זיצט טשאַנדאַלי,
אין שלייער פון הימלישע פאַרבן.
און טשיקאָ פלעכט אויס פון בוימער דאָס בלי,
און וואַרפט איר בלומען־גאַרבן.

טשאַנדאַלי שטרעקט אויס די ליכטיקע הענט,
און שענקט אים די זאַפטיקע ליפּן.
זון־אויפגאַנג פלאַקערט און בלענדט,
און שטראַלט דורך פייערדיקע זיפּן.

און וואָלקנדלעך שוועבן ווייסער פון שניי,
ווי שעפעלעך וואָלענע, ווייסע.
אין הימל צינדט אַן זיך אַ שייטער מיט היי,
און פלאַקערט ווי אין חומש אַ מעשה.

די זון שטראַלט מיט סנאָפּעס־גאָלד,
מיט דימענט אין טויאיקע טראָפּנס,
גאָט האָט די וועלט אויסגעמאָלט —
די בערג אויסגעשטעלט צוקאָפּנס.

אויפן שפּיץ פון באַרג דאָרט אין דער הויך,
פון פעלדזיקע שפּיצן געטורעמט;
מיט בראָנדזענע מוסקלען, מיט שטיינערנעם כּוח,
האַלט טשיקאָ טשאַנדאַלין געאָרעמט...

װהיפּערװיל

אַ װהיפּערװיל האָט היינט אין נאַכט גערופן,
אַ צװייטער האָט געענטפערט פון דער װייט.
צװיי געליבטע אין אייביקייט זיך זוכן —
דורך בערג אין פינצטערניש צעטיילט.

צװיי פאַרליבטע קאָנען זיך ניט געפינען —
דורך פעלדזן־בערג אין נאַכטיקייט צעשיידט.
זייערע לידער אין דער נאַכט זיך שפּינען —
יעדער װהיפּערװיל — אַ װיינענדיקע פלייט.

שטערן פינקלען איבער בערג און פליינען,
לבנה שװימט פאַרבענקט אין שלאָף;
פון אייביקייט דורך אייביקייט זיי װיינען,
דורך זומער־נעכט דערהערסטו זייער רוף.

זיי רופן זיך און גיבן זיך אַ צייכן,
פליטן־צער צאַפּלט אין דער שטיל,
זיי זוכן זיך און קאָנען זיך ניט גרייכן:
— װהי־פּער־װיל, — װהי־פּער־װיל!

דער ווײַנפֿויגל

ווער האָט הײַנט מיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף?
אַן אַלטער גאַסט פֿון ווײַטן-ווײַט אַמאָל;
איך האָב דערהערט זײַן דינעם רוף —
דער ווײַנפֿויגל מיט זײַן פֿידל-קול.

איך בין אַראָפּ פֿון בעט, אַרויס אין פֿעלד,
אַ ים מיט שטערן האָט נאַכט געדעקט.
גאָט האָט זײַן לאַמטערן אַרויסגעשטעלט,
הינטער בערג ליגט דער ווײַנפֿויגל פֿאַרשטעקט.

איך האָב געמיינט אַ, ווײַנפֿויגל, ביסט שוין טויט,
און וועסט קיינמאָל צוריק ניט קומען צו מיר,
הײַנט האָסטו דײַן בענקשאַפֿט מיר פֿאַרטרויט,
און האָסט גערופֿן מיך אין נאַכט צו דיר.

דײַן ליד — אַ גילגול דורך פֿרילינג-נעכט —
האָסט אויסגעזונגען אַלע דײַנע טענער,
אָפֿט האָבן שוואַרצע ראָבן דײַן געזאַנג פֿאַרשוועכט, —
פֿון אַלע נעכט דו זינגסט הײַנט שענער...

אַ, ווײַנפֿויגל, דו רופֿסט מיך פֿון דער ווײַט,
אַלע מײַנע חושים הערן;
דו זינגסט דײַן ליד אין אייביקייט —
און עס ענטפֿערן אַלע בערג און שטערן.

אין דער שטילקייט

ניט אין ווייטקייט פֿון באַרג וואָס גרייכט מיין אויג,
ניט אין טיפֿקייט פֿון טאָל אין שאַרפֿן בויג —
אין בענקשאַפֿט פֿון אַ טרער לויכסטו אין מיר,
אין שווייגן פֿון מיין בליק איך רעד צו דיר.

ניט אין רוישן פֿון אַ טאָג דורך שווערער מי,
ווּ יעדער טומלט זיך אין זון פֿון הייסן גלי —
אין שטילקייט פֿון דער נאַכט איך זינג צו דיר,
אין שווייגן פֿון אַ בלאַט איך גרין מיט דיר.

ניט אין שטאָט-ווירבל פֿון שטאָל און רויך,
ניט אין עראָפּלאַנען וואָס רוישן אין דער הויך —
אין אַ פּלאַטערל וואָס זויגט אַ דורשטיקע אַ בלום,
רוף איך צו דיר אין שטילקייט: קום!

אויפן וואַסער־שפּיגל

אויפן וואַסער־שפּיגל בוימער זיך באָדן,
טובלען זיך שטום אין זונען־שיין.
די זון מיט בריליאַנטענע פּיילן געלאָדן,
אין גאָלדענע רינגען רינגלט זיך איין.

פייגל זיך לאָזן אַראָפּ מיט די פליגל,
זיי רוען זיך אָפּ ביים ברעג פון טייך,
זיי שפּיגלען זיך איין אין זילבערנעם שפּיגל,
און שוועבן אַוועק אין אַ שורה באַגלייך.

אַ שוואַרצקייט פאַרהילט די שאָטנס פון בוימער,
דאָס פּנים פון וואַסער פאַרשאָטנס מיט נאַכט.
אָ, קום צו מיר, קום, מיין אייביקער שומר,
און הער מיט מיר ווי עס שטילט די נאַכט...

שטערן דורך די בוימער

ווייסער לבנה־שומר,
לבנה־זילבער אויף וועגן,
שטערן פינקלען דורך בוימער —
איך גיי דיר אנטקעגן...

שטילקייט אויף פעלדער,
הימל מיט לופטיקע טורעמס
פון וואָלקנס — לופט־געצעלטן
אַרום לבנה געפורעמט.

דו גייסט מיט מיר אין שטילקייט
ווער קאָן מיך אין נאַכט דערהערן?
ווי אַ נאַכטוואַנדלערין שפּאַן איך אין בלינדקייט,
עס פינקלען דורך בוימער די שטערן.

דאָס קלענסטע גרעזל

האָט ווער געהערט געוויין פון קלענסטן גרעזל,
ווען אַ שטורעם אַקערט דורך זיין גרינע הויט,
ווען עס ליגט אין גראָזן-פעלד פאַרגעסן —
און עס דאַכט דאָס גרעזל ליגט שוין טויט?

אין דער וועלט פון וועלדער בוימער,
וואָס איז דען אַ גרעזל דין און קליין?
ווען עס בליצט און דונערט אין די רוימען,
דאָס יונגע גרעזל וויל נאָך ניט פאַרגיין.

עס ליגט געשלאָגן און עס ציטערט,
עס וויינט מיט טרערן אין דער שטיל,
און איבער אים דער שטורעם וויטערט
און מאָלט די בלעטער אין זיין מיל.

פלוצלינג גיט אַ דינעם פלאַטער
אַ הימל-פליגל פון דער זון,
דאָס קלענסטע גרעזל טויט-פאַרמאַטערט
ציטערט אויף און טוט זיך אָן,

און ווישט זיך אוים דעם טוי פון אויגן,
און גלייכט זיך אויס פון טיפן פאַל —
און ווידער שטייט עס אויסגעצויגן,
און שפּילט זיך פריידיק מיט אַ שטראַל.

אַ בלאַט מיט אַ בלאַט

אַ בלאַט מיט אַ בלאַט,
אַ בלום מיט אַ בלום,
אַ גראָז מיט אַ גראָז
האַלדזן זיך שטום.

אַ זאַנג מיט אַ זאַנג,
גאָלדיק צעבליט,
צוזאַמענגעקושט,
צוזאַמענגעקניפּט.

אַ פֿלאַטערל פֿליט,
מען הערט ניט אַ קלאַנג
און אין די פֿליגל
פֿלאַטער־געזאַנג.

אַ צווייַג מיט אַ צווייַג,
אַ בוים מיט אַ בוים,
צוזאַמענגעפֿלאָכטן
זיך ציִען צום רוים.

אַ האַרץ מיט אַ האַרץ,
אין פֿרייד און אין נויט
זיך טיילן אין ליבשאַפֿט
דעם ביסן פֿון ברויט.

אַ בלאַט מיט אַ בלאַט,
אַ בלום מיט אַ בלום,
אַ גראָז מיט אַ גראָז —
האַלדזן זיך שטום.

האַרבסט

וווּנדערלעכער חלום פון האַרבסטיק שטילן שלומער,
צופוסנס הויפנס בלעטער: אָפּפאַלן פון זומער.

אָפּגעפּליקטע בוימער אויסגעשטעלט אין רייען
וואַרטן פאַרן אָנקום פון די ערשטע שנייען.

שטאָל־באַבלויטע בערג קעגן וואַנדער־כמאַרעס,
אויסגעהוילטע פעלדזן מיט וווּנדן אין די שפּאַרעס.

סאָסנעס — גרינע שפּיצן אויסגעשטיקט אין קווייטן,
דורך די אַלטע צייטן פון די אייביקייטן...

אַ הירש אַנטלויפט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן
יעגער מיט ביקסן אויף זיין לעבן לויערן.

דאָרט שטייט אַ ווערבע, די לאַנגע צעפּ אין ציטער,
אַ, האַרבסט, פאַרהיט איר גוף פון שניטער.

בראָנדז און געלע פעלדער, בלעטער ווי בורשטינען —
קומען וועט דער פרילינג, איר וועט ווידער גרינען.

דער האַרבסט־באַנד

ניט אַ קרוין פון דימענט און פערל,
ניט אַ קרוין פון גאָלד און בריליאַנט —
עס האָט הארבסט אַ בוימערישן שטערן,
באַצירט מיט אַ גאָלדענעם באַנד.

אין רייפער וואַלדיקער בליונג,
פון הארבסטיקן פענדזל באַרירט,
איינעם אַ בוים פאַר זיין מיונג
דער הארבסט מיט אַ באַנד האָט באַצירט.

צווישן הארבסטיקע צעדער־בוימער,
בלויז איינעם מיט אַ הארבסט־קרוין באַלוינט,
אין בלויע שטאָלענע רוימען
שטייט אַ בוים ווי אַ קעניג געקרוינט.

דער גאָלדענער בוים

אָט שטייט ער אין האַרבסט דער גאָלדענער בוים,
מיט קופּערנע בלעטער צעשטראַלטע אין רוים.
צופּוסנס — אַ פעלד מיט רענדלעך צעשפּרייט,
קום, מענטש, קלייב זיי און קלייב!

אויבן — דער הימל, אַ בלויער באַסיין,
וואָלקנדלעך בלויע — הענגלעך מיט וויין.
און אונטן — דער וואַלד מיט פאַרבן צעשפּילט,
אין האַרבסטיקן גאָלד די בלעטער געהילט.

אין פייער פון רוים, אין גאָלד פון מאַרון,
בלעטער געמאָלן מיט פאַרבן פון זון,
פעלדער געבעטע מיט בלעטער פון גאָלד —
ס'האָט זומער זיין קרן אין רענדלעך באַצאָלט...

ס׳איז פרילינג געווען

א

ס׳איז פרילינג געווען —
אין חודש אַפּריל —
האָסט דו מיך געבראַכט,
צום שוועל פון „ראָק-היל״.

אין אַן אָפענעם וואָגן
מיט צוויי ווייסע פערד
מיר האָבן געשוועבט —
געטאַנצט האָט די ערד.

די פעלדער פאַראויס
באַקריזשלט מיט שניי;
ווי מצה דער פראָסט,
פרירט פרילינג-פאַרזיי.

די פערד ווי צוויי אָדלערס,
אַזוי ווי אין פלי;
אַלץ האָט געשמעקט
מיט אויפגאַנג פון בלי.

מיין קלייד דורכזיכטיק
מיט הימלישן בלוי;
אַלץ האָט געשמעקט
ווי בעז און ווי טוי...

די ביטש האָט געטאַנצט
אין דער פֿויערישער האַנט;
מיט זיבעצן פּרילינגס
מײַן פּנים געפּלאַמט...

פֿלוצלינג פֿאַרהאַלטן
זיך האָבן די פֿערד
נעבן אַ שטיבל
נאָנט צו דער ערד...

דו האָסט מיך געפֿירט
צו אַ דעמבענער טיר,
דײַן טאַטע־מאַמע,
געוואַרט אויף מיר.

ב

הײַנט אין אַ נאַכט
ליג איך און וואַך,
שטערן פֿינקלען
איבער מײַן דאַך.

איך זע אַט די שטערן,
מיליאַרדן אין צאָל.
זיי פֿינקלען נאָך שענער
פֿון אַמאָל, פֿון אַמאָל.

איך הער אַט די פויגל,
זיי רופן דורך בערג,
און זע אַט די פעלדזן,
גאָטס אייביקע ווערק.

איך הער די קאַפּעליע,
פון פויגל־געזאַנג,
זיי זינגען נאָך שענער,
ביים זונען־פאַרגאַנג.

זע מיינע אויגן,
זיי פינקלען מיט טוי —
צו דיר, מיין באַשערטער,
בין איך אייביק אַ פרוי.

גאָט מיט די שטערן,
איבער אונדז וואַכט,
ווי אַמאָל, ווי אַמאָל,
אין אַ ליכטיקער נאַכט...

מיט דיר

(אהרנען)

מיט דיר בין איך אַ שוועבנדיקער סאַטעליט.
איבער אַלע הימלען רוישט מיט דיר מיין ליד,
איבער אַלע קאָנטינענטן אין איין אויגנבליק.
איך שוועב און קרייז אהין און צוריק.
מיט דיר בין איך אַ שטראַלנדיקע וויג,
מיט דיר אַרום דער וועלט אין איין אויגנבליק.

מיט דיר בין איך אַ שוועבנדיקער סאַטעליט.
איך טראָג דיין גבורה אין מיין האַרץ געשמידט,
און קיינער קאָן ניט פאַנגען מיין אומגעצוימטן לויף —
איבער אַלע פלאַכע ערדן איך הויב זיך אויף.
מיט דיר בין איך אַ שטערן: איך קרייז און קרייז,
פון אייביקייט מיט ליכט איך ווער געשפייזט.

מיט דיר בין איך אַ שוועבנדיקער סאַטעליט.
צו הימלען פאַרבאָרגענע מיך ציט און ציט,
אין מיין פלי ניטאָ פאַר מיר קיין צאַם,
איך ברען אין זון, אין פייערדיקן פלאַם,
מיט דיר בין איך די ליכטיקייט אין רוים,
אָן דיר — אַ קויל אויסגעלאָשן אינעם תהום.

איך בין דיין גאָרטן

איך בין דיין גאָרטן
און דו פאַרהיטסט מיך
פון יעדן בייזן שטורעם.
און דו באַזונסט מיך,
און דו באַבלומסט מיך, —
איך גרין פאַר דיר דורך יאָרן.

איך בין דיין גאָרטן —
דורך צער און ליידן
מיט דיר פאַרשפּונען.
איך בין דיין גאָרטן
און גיב דיר פריידן
דורך רעגן, טוי און זונען.

די רויטע רויז

אויף אַ רויזן־קוסט, איינע אַליין,
די לעצטע רויז וויל ניט פאַרגיין.

די רויז זי פלאַמט, איר דופט ווי וויין,
דעם שאַרפן האַרבסט זי אַטעמט איין.

אַ האָניק־בין צו איר מויל זיך ציט,
גיט אַ זויף איר וויין — אַוועק זי פליט.

די רויז זי פלאַמט אין בלעטער־פליוש,
אַ שמעטערלינג פלאַטערט אַ לעצטן קוש.

אַ טשאַטע פייגל פליט איר קוסט פאַרביי,
צו די זומער־לענדער — צו דער פריי.

מיט רייפקייט ענגט זי אין איר פּראַכט,
אַ שוואַרצע ראָב פון איר שיינקייט לאַכט.

אַ דאָרן גיט איר פון דער זייט אַ שטאָך —
אַ וואָרעם וואַרט שוין אויף איר בראָך.

אַרום איז האַרבסט, שטיל און פּוסט,
די לעצטע רויז קלאַמערט זיך צום קוסט.

זי בלוטיקט אין איר שיינקייט רויט;
וויל ניט פאַלן פון איר צווייג צום טויט.

ב

ווי אַ פויגל געיאָגט

ווער וויל פאַרשטומען מיין קול
ווען איך זינג מיין ליד?
ווען די זון גיט מיר ליכט,
ווען די ערד גיט מיר שניט?

ווער וויל פאַרשניידן מיין שטים
מיט אַ שטומפּיקער שווערד?
ווער וויל פאַרשטומען מיין ליד
מיט גאַל וואָס פאַרצערט?

איך לויף מיט מיין ליד
אויסמיידן דעם האָס —
ווו זאָל איך לויפן?
ס'איז מבול די גאַס.

זיי צילן מיר נאָך
מיט גיפט און מיט שרויט,
זיי שרייען מיר נאָך
מיט ווערטער פון קויט.

ווו זאָל איך לויפן
אַוועק פונעם גרויל,
ווי אַ פויגל געיאָגט —
מיט אַ ליד אין מיין מויל...

ליכטיקער גאָט

ליכטיקער גאָט, וואַך איבער מיר,
איך זאָל קאָנען לויבן דיין נאָמען.
ליכטיקע זון, שיין איבער מיר —
מיט דיין לויטערן זוניקן פּנים.

ליכטיקע מאַמע, שטיי נעבן מיר,
היט מיך פון חלף פון שניטער;
ליכטיקע מאַמע, וואַך איבער מיר,
היט מיך אוים פון געוויטער.

גאָלדענער טאָג, בלוי איבער מיר,
שטאַרק מיך אין שעהן פון פאַלן;
ליכטיקע זון, שיין איבער מיר,
שפּראַל איבער מיר מיט די שטראַלן.

דער געיאָגטער הירש

דער הירש איז געלאָפן מיט צווייגיקע הערנער,
געיאָגט פון יעגער אין וואלד,
דורך גריבער, דורך פעלדזן, דורך שטעכיקע דערנער,
דורך קוילן פון ביקסן געקנאַלט.

דער ווייסער ווינטער מיט שניי באַצויגן,
באַהאַנגען מיט צירונג דעם וואלד —
דער הירש איז געלאָפן מיט דערשראָקענע אויגן,
דער וואלד האָט מיט קוילן געשאַלט.

דער פראָסט האָט געבראָכן דאָס גלאָז פונעם ווינטער,
אין וויכער געשטויבט האָט דער שניי;
דער הירש איז געלאָפן געשווינד און געשווינדער —
געיאָגט פון געביל און געשריי.

און אָט האָט דער הירש דערגרייכט זיין מנוחה,
אָט שטייט ער שוין הויך אויפן באַרג,
האָבן ווינטן צעטאַנצט אַ שניי־זאַווערוכע,
ער קוקט אין זיין גבורה געשטאַרקט.

דער הירש שטעכט אָן די הערנער די שאַרפע,
פאַרבלינדט אין בלענדיקער הויך,
יעגערשע הינט מיט רוגזה זיך וואַרפן,
און אַ קויל האָט געלעכערט זיין בויך.

אַ דינער שטראָם האָט וואַרעם געריזלט,
דעם שניי פאַרוואַנדלט אין רויט.
צוויי הירשן־אויגן אין שטומקייט געשפּיזלט
צום מענטש וואָס האָט אים געטויט...

די האַק

ערגעץ ווייט אין אַ לאַנד, אויף אַ בוידעם אין פּראַג,
צווישן שמות פון אַלטווארג שלאָפט דאָרט די האַק...

פאַרגעסן פון צייט, נאָר שאַרף איז דער שטאָל,
ליגט נאָך די האַק און קייכט אויף אַ קול.

עס האָט זי באַהאַלטן דער גולם אין שלאָף —
זי זוכט דעם מהר"ל פאַרלענדן אין שטראָף.

דער מהר"ל — אַ ייד, דער גולם — בלויז ליים —
די האַק זוכט זיין האַלדז אין דער יידישער היים...

זי וויל אים פאַרלענדן פאַר זיין שטומען באַשאַף —
דער גולם זאָל האַר זיין, מהר"ל — דער שקלאַף.

און חומר מיט גייסט — אַ בלוטיקע בריק —
און חומר פאַרשלייפט אויף מהר"ל די שטריק.

עס וויגט זיך אַ תליה אויף העלדזער פאַרשטיקט,
דער גולם ער גולמ'ט אויפן בוידעם צוריק.

דער טויט האָט קיין שליטה אויפן מהר"ל דעם ייד,
דער יידישער גייסט איז אויף אייביק באַהיט.

די האַק איז בלויז שטאָל, און ברענגט אום דעם גוף —
דער גולם ער גולמ'ט צוריק אין זיין שלאַף...

ווייסער שניי

ווייסער, ליכטיקער, זויבערער שניי,
צעזייט דיינע פערל פאַנאַנדער.
ברענג מיר טרייסט אין לויטערן שפריי,
וואָס אַפּ דאָס גרויל אויף מיין וואַנדער!

דורך פעלדער באַדעקטע מיט שניי,
פאַרדעק אַלע בוימער פון תליה׳ם!
פון יעדן בוים איך הער אַ געשריי —
פאַרהיל מיט ליכט מיינע וויעס...

איך האָב אַ חלום געבויט מיט מיין וואָרט,
מיין חלום צעשטויבט זיך פאַנאַנדער.
ווי קאָן ריינקייט זיך פאָרן מיט מאָרד?
טראָג שניי מיך אַוועק אין מיין וואַנדער!

איך טובל זיך איצט אין דיין ליכט,
אַ יידישע טאָכטער — מיין שליחות.
מיין פאָלק איז דאָס העכסטע געריכט —
איך וועל ציען די קייט פון מיין יחוס.

איך וויל גאָרניט, נאָר שטילקייט און רו —
שלום מיט זיך דורך מעת־לעתן;
איך זאָל ווערט זיין דורך פיין אָט די שעה —
דורך ליכטיקע מעשים פאַרגעסן...

זיי שטאַרק, מײַן פאָלק!

זיי שטארק, מיין פאָלק, אין טעג פון שטורעם,
מיין יידיש פאָלק, זיי געטרייסט.
אָט קלעטערסטו צום העכסטן טורעם —
פון דיין וואָגל-וועג אויסגעלייזט.

ווו דו ביסט צעזייט אין ווייטע ווייטן
מיין פאָלק איך בין פון דיר אַ טייל.
וועסט אייביק זיין אין אַלע אייביקייטן —
דורך פינצטערניש — אַ לויכטנדיקער זייל.

ווער עס צילט אין דיר די פיילן-שפליטער,
ווער עס זוכט פארניינען דיך מיט סם,
דיינע מחנות זען אין שפליטער —
זיי שטארק, מיין פאָלק, מיין שטאַם!

ביסט פאראַן אין אַלע ווינקלען פון די וועלטן,
ווי גראַז, ווי ערד, ווי זאַמד —
דיין חלום פון אַ יידיש-לאַנד צעהעלטן
דיין בענקשאַפט צו דער טרערן-וואַנט...

דורך אַלע גזרות-לענדער פון יסורים,
זיי שטארק, מיין פאָלק, און גורט זיך אָן.
נאָך יעדן מבול, נאָך יעדן שטורעם,
גייט אויף, גייט אויף די זון!

דער ברענענדיקער דאָרן

פון אייביק צו אייביק ער ברענט,
און קאָן פאַרלאָשן ניט ווערן.
אין דמיון איך האָב אים דערקענט,
דורך נאַכט פון צעלויכטענע טרערן.

אין חושך איך האָב אים דערזען,
דורך אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן.
אַזוי איז עס אייביק געווען —
ער וועט קיינמאָל פאַרלאָשן ניט ווערן.

עס האָט משה אין מדבר דערהערט
זיין פאָלקס צעבלוטיקטע ווונדן.
פון מענטשלעכן יאָמער גענערט —
דער דאָרן אין נאַכט אָנגעצונדן.

אין מדבר ער האָט זיך אַנטפלעקט,
ווען משה די שאָף האָט געפּאַשעט.
אַ שטים האָט דורך פייער געוועקט
אין מדבר די מידע נפשות.

ווען שונאים דורך רשעות פאַרבלינדט,
ווענדן אָן אויף מיין פאָלק זייער צאָרן.
אין מדבר פון צייטן זיך צינדט,
דער אייביקער ברענענדער דאָרן.

דער דאָרן: צוויי פלאַמיקע הענט
צעפינגערט דורך פייער און פלאַמען.
דער אייביקער דאָרן ער ברענט —
אַ זעונג דורך פינצטערע ימען...

— — — — — — — — — —

פעלקער פון הענקערשן צאָרן —
אין חושך גייט אויף אַ ליכט.
דורך גזרות פון טויזנטער יאָרן —
דער דאָרן פון גרויסן געריכט!

די פאַרלאָזטע שול

אין דער שטילקייט פון הארבסטיקע בוימער.
שטייט אין פעלד א שולעכל קליין.
ניטאָ מער דער ייד, דער שומר —
די ספר־תורה איז געבליבן אליין.

ניטאָ מער פון דאַוונער קיין מנין,
די ספר־תורה איז געבליבן פאַרשעמט
אין פאַרשלאָסענעם הילצערנעם בנין,
אין א פרוכת׳דיק פליושענעם העמד.

ריר איך אָן דעם פאַרריגלטן שלאָס,
נייג איך צו צו דער שויב מיין געזיכט:
אויף טישן די ספרים פאַרלאָזט,
די לייכטער מיט פאַרלאָשענע ליכט...

ראש השנה — דער טאָג פון געבעט,
די ספר־תורה שטייט איינגעהילט;
אין שפינוועבס די טיר איז פאַרוועבט,
אין שטילקייט דער דאַך איז פאַרשטילט.

ארום האַרבעַן זיך קייטן מיט בערג,
מיט אַטלאַסענע הימלען פאַרדעקט,
גאָטס בראשיתדיק אייביקע ווערק,
פון קיין האַנט נאָך ניט אָפּגעמעקט.

צוויי פייגל זיי פליען אויך צו.
זיי זינגען אין שטילקייט אַ ליד,
פון אַ שולעכל וואָס דרימלט אין רו,
פון אַ בוים וואָס שטייט אָפּגעבליט;

פון אַ וויינשטאָק וואָס בלעטערט פאַרצווייגט,
דאָ און דאָרט זיך טוליעט אַ טרויב;
פון אַ גרעזל אין שטומקייט וואָס שווייגט;
פון אַ מענטש וואָס איז קלענער פון שטויב.

ספר־תורה, פון דורות געהייליקט אין פיין,
גאָט וואַכט איבער דיר אינעם פעלד.
אויף דיין שוועל איך וויל זוכה צו זיין
אַ שומר ביים פאַרלאָזטן געצעלט...

דיינע אותיות זיי שוועבן געהיים,
טוען אָן זיך אין פייער פון שטאָם,
דאָרט ווו דו ביסט — איז די היים,
ווו דער לעצטער ייד איז פאַראַן.

ווער האָט פאַרשאָלטן דאָס בליאיקע לאַנד

ווער איז געשטאַנען אין גאָלדענעם טאָל?
אַ ליכטיקע מיידל פון אַמאָל, פון אַמאָל,

מיט אַ שטרויענעם קוישל, מיט בלימלעך פון זון,
און געקליבן פון פעלדער גאָלדענעם מאָן.

מיט צוויי זוניקע פלעכטן ביז צו די קני,
מיט אַ שעפל ביים זייט צו מעלקן די קי.

עס האָבן זיך קעלבער געפּאַשעט אין פעלד,
די זון האָט מיט שטראַלן געלאַכט און געקוועלט.

לאַשיקלעך יונגע האָבן געטאַנצט;
מיט גערשטן און האָבער — פעלדער באַקראַנצט.

און דאָ אינעם פעלד אַ האָן האָט געקרייט,
און דאָ האָט אַ מענטש געאַקערט, געזייט.

און דאָ האָט אַ פויגל אַ נעסט אויסגעבויט. —
ווער האָט די קראַפּט פון בוים אָפּגעטויט?

ווער האָט פאַריאָגט די קי און די פערד?
ווער האָט פאַרשטיינערט די בליאיקע ערד?

ווער האָט פאַרטריבן די זילבערנע שאָף?
ווער האָט די הירשן פאַריאָגט אין געלאָף?

ווער האָט דעם גאָלדענעם ברונעם פאַרשוואַרצט?
ווער האָט די בליטן אין דערנער פאַרשטאַרצט?

ווער האָט פאַרשאָלטן דאָס בליאיקע לאַנד?
די זוניקע פעלדער פאַרוואַנדלט אין זאַמד?

דער שטראַליקער לייטער

ווו העננט דער לייטער פון ביבלישע צייטן,
דער שטראַליקער לייטער דורך אייביקייטן?

עס האָט יעקב אבינו אַ חלום געשפּונען —
אַ לייטער צום הימל דורך שטראַליקע זונען.

צו וועמען אין חלום וועט זיין ליכטיקייט טויכן?
ווער וועט אַרויפשטייגן צום ליכט פון די הויכן?

ווער וועט אים צוהאַלטן מיט הענט פון מלאכים?
ווער וועט אים אויסגלייכן מיט נייעם בטחון?

אַ לייטער צום הימל וואָס איך האָב געחלומט —
מענטשלעכע שיינקייט אין גלייכהייט געשלומט...

און פּלוצלינג צינדט אַן זיך דער שטראַליקער לייטער,
און ברעכט זיך אין פאַל — אַ פלאַמיקער שייטער...

ווער וועט אים ווידער צו די הימלען אויפהויבן
ווער וועט אויף אים בויען צעשמעטערטן גלויבן?

איך זע דורך די דורות דעם לייטער אויפשטייגן,
דורך דונער און בליצן, דורך חושך פון שווייגן.

און מענטשלעכע אויגן הויבן אים ווידער,
און שטעלן אים אויף דורך פינצטערע גריבער.

און שטייגן אויף אים מיט הייליקן גלויבן,
צו ליכטיקע מעשים זיך ווידער דערהויבן.

מיין פאָלק וועט אים שפּינען ווייטער און ווייטער —
ווייל אייביק וועט לויכטן דער שטראַליקער לייטער...

ב

דער היי־סטויג

אַט שטייט דער פויער און טורעמט,
פון טרוקענע הייען אַ סטויג.
ער בערגלט אַלץ העכער און פורעמט
און מעסט די הויך מיטן אויג.

זיין פּלייצע געהאָרביקט פון יאָרן,
זיין פּנים צעאַקערט פון ווינט,
ער קוקט צום הימל דעם קלאָרן —
די זון אין פלאַמען זיך צינדט.

די זון וויקלט איבער די פאַרבן,
פון פייער אויף וואָלקנדלעך פלאַם;
די זון וויל היינט ניט שטאַרבן —
און פלאַקערט אין הימלישן ים.

דער אַלטער פויער ער גאַפּלט,
אַלץ העכער ער טורעמט און טראַכט:
די שעהן, די רגעס ער טאַפּלט —
איידער עס פאַלט צו די נאַכט.

אנטקעגן דעם סטויג פון די הייען —
געבויגן דער אַלטינקער מאַן.
ווי שנעל די יאָרן פאַרגייען —
פון וויגל צום קבר אַ שפּאַן.

די זון אַראָפּ איז געפאַלן,
דעם פויער געלאָזן אַליין;
מיטגענומען די שטראַלן
אין איר אייביקן פאַרגיין.

דער אַלטער שייער

שוואַרצע ברעטער, פֿאַרזשאַווערט דער דאַך.
פֿאַרוואַקסן מיט גראָז צום שייער דער שליאַך.
די באַלקנס מיט שפּינוועבס פֿאַרוועבט.
דאָ האָבן בהמות אין רחבות געלעבט,
דאָ האָט מען אין ווינקל היי אָנגעגרייט,
פֿון פֿעלדער געזאַמלט, אויף באַלקנס צעשפּרייט,
פֿערד האָבן דאָ פֿרישן האָבער געקייט.
דער שייער — ער אָטעמט מיט אַלטקייט פֿון צייט.
יעדן פֿרימאָרגן דער זקן ער שפּאַנט,
ווען זון אין הימל מיט פֿייער פֿלאַמט.

מיט יאָרן פֿון אַלטקייט זיין קאָפּ פֿאַרשנייט,
דער שייער אַ טייל פֿון זיין צער און זיין פֿרייד,
די קי און די פֿערד זיינען מער ניט פֿאַראַן,
געבליבן אַן עדות דער גרייז־גרויער מאַן.
מיט צעאַקערטע קנייטשן, פֿאַרהאָרעוועטע הענט,
דער זקן ער גלעט די צעשפּאַלטענע ווענט.
דורך יאָרן פֿון הונגער, דורך קעלט און פֿרעסט
אויפֿן באַלקן נאָך הענגט אַ פֿאַרטריקנטע נעסט.
זיין לעבן, זיין יוגנט — אַ טייל פֿונעם שייער,
דאָס האָלץ דאָס צעפּוילטע אים הייליק און טייער.

דער הימל גליט מיט וואָלקנס פֿייער,
שמעלצט מיט גאָלד דאָס בלעך פֿונעם שייער.
ער הערט דאָס מעקען פֿון קעלבער און קי,
ער זוכט אינעם שייער זיין ערלעכע מי.

ער הערט דאָס הירזשען פון גלאַנציקע פערד,
און שמעקט דאָס גנוי אין שטויב פון דער ערד.
אַ שפּין הענגט און שפּינט אַ זיידענע בריק,
דער זקן שפּרייזט דורך זיין לעבן צוריק.
אַ לעבן פון מי ער האָט געגעבן צושטייער —
ווי אַ דענקמאָל ער שטייט און קוקט אויף זיין שייער.

צוויי ליידיקע עמער

אַ ברונעם אַ רונדער, צוויי ליידיקע עמער —
זיך וויגן אין חלל אין מאָרגן־דעמער.

מאַכיקע ווענט באַוואַקסן מיט שימל —
אין ברונעם זיך שפּיגלט אַ לויטערער הימל.

דאָס וואַסער אין טיף מיט גאָלדענע רינגען,
ווערט נישט דערשטיקט פון אייגענעם שלינגען.

לאַכט דער ברונעם און שפּיגלט אין מאָרגן,
פון קוואַליק געלעכטער ווערט נישט דערוואָרגן.

קיינער קומט טרינקען פון קוואַליקן ברונעם,
וואָס שפּיגלט אין זיך דאָס גאָלד פון די זונען;

וואָס גאָרגלט ביינאַכט זיך מיט גאָלד פון די שטערן,
און רופט פון דער טיף דערהערט צו ווערן.

אַ האַנט זאָל די קייטן אין ליבשאַפט באַרירן,
אַ צונג זאָל די פרישקייט אויף ליפּן דערשפּירן,

אַן אויג זאָל אַ שעפּ טאָן די בלויקייט פון קוואַלן...
צוויי ליידיקע עמער זיך וויגן אין חלל.

דער פאַרמער און זיין ברונעם

געלעבט האָט אַ פאַרמער אַן אלטער, אַ פרומער,
געזייט און געאַקערט די פעלדער.
געמאָלקן בהמות ווינטער און זומער,
געבאָוועט שעפסן און קעלבער.

געבן זיין הויז אַן אוראַלטער ברונעם,
אַ רונדער מיט אַ שטיינערנעם צאַמען,
פרימאָרגן — אַ שפּיגל מיט גאָלדענע זונען
פינקלען אין ברונעם ווי פלאַמען.

אין אַ הייסן זומער — דאָס וואַסער אַנטרונען,
אין טיפקייט קיין וואַסער, קיין טראָפּן.
ווי אַ האַנט אַ געהיימע וואָלט דעם קוואַליקן ברונעם,
מיט אַ שוואַרצער בלאָטע פאַרשטאָפּן.

די קי און קעלבער מרוקען און העשען,
עס מעקען די דאָרשטיקע לעמער,
נישטאָ קיין וואַסער דעם דאָרשט צו לעשן,
עס הענגען צוויי ליידיקע עמער.

דער פרומער פאַרמער מיט הענט פאַרבראָכן:
ווער האָט דעם קוואַל צוגענומען?
נאָר אַ יידישער פאַרמער לעבט מיט בטחון —
ער וועט בויערן אַ נייעם ברונעם.

אין איינעם אַ טאָג, אין פריען באַגינען,
האָט מען רערן אויף רערן געלאָדן.
עס האָבן געהילכט ריזן־מאַשינען —
געעגבערט דעם שטיינערנעם באָדן.

עס שאָלן די בערג, עס הילכן די טאָלן,
די שטאָלענע רערן זיי סאָפּן.
דער פעלדזיקער שטיין אויף שטויב ווערט צעמאָלן —
אין ברונעם קיין וואַסער קיין טראָפּן.

ס'האָט משה רבינו געשפּאָלטן דעם שטיין,
נאָך וואַסער אין מדבר פון וואַנדער...
אַ ריזן־מאַשין מיט שטאָלענע ציין,
גריזשעט דעם שטיין פאַנאַנדער.

דער פאָרמער נויגט זיין אויער אין שטיל,
אַ וואַסערל פליסטערט אין זשומען.
עס רוישט אין שטיין אַ וואַסער־מיל —
אין טיפקייט זיך גאָרגלט אַ ברונעם.

עס טאַנצן די שטריק אַרויף און אַראָפּ,
אין ברונעם שפּרודלט מיט קוואַלן.
אַ וואַסערפאַל שלאָגט אַרויס פון גרוב
פאַרפלייצט מיט ליכטיקע שטראַלן.

אַ זילבערנער טוי שפּרייט זיך אין לופט,
און מינטערט די בוימער אין דרימל —
אַ קעלבעלע שטייט, מעקעט און רופט,
און מעקעט אַרויף צום הימל...

— — — — — — — — — — —

די זון אַ צעשטראַלטע פינקלט און העלט,
זיך שפּיגלט אין קוואַליקן ברונעם,
דער אַלטער פאַרמער טוט תּפילה אין פעלד
און הייליקט אין שטילקייט גאָטס נאָמען.

דזשאָן דיקס

אַ, ווער האָט ניט געקאָנט דזשאָן דיקס,
דעם פאַרמער פון „ראָק-היל",
דעם קאָרגן מאַן, דעם הויכן ריז,
וואָס האָט געלעבט זיך שטיל?

געווען אַ ריז, געזונט און שטאַרק,
אַ יונג פון דאָרף און פעלד.
פאַרמאָסטן זיך מיט טאָל און באַרג —
מיט שוויים פון זיינע הענט.

קיינמאָל ניט געווען קראַנק,
זיין הויט פון זון פאַרברענט.
געהאָרוועט שווער אַ לעבן לאַנג —
ווער האָט אים ניט געקענט?

געפּאַשעט קי אויף פרעמדן פעלד,
פאַר זיך — קיין מילך צו זעט;
זיך אויפגעשטעלט אַ פּראָסט געצעלט,
פון שטרוי אַ האַרטע בעט.

קאַיאָר, ער אַרבעט אויפן פעלד,
ער אַקערט און ער זייט,
אַ פרעמדע קו האָט זיך געקעלבט —
און דזשאָן האָט זיך געפרייט...

גענגעסן דאָ, גענגעסן דאָרט,
אויף פרעמדן טיש זיין ברויט.
שטענדיק געלט צו געלט געשפּאָרט,
אויף שפּעטער אַלץ געבויט...

אַמאָל, אַמאָל געהאַט אַ ווייב —
האָט ער מיר שטיל פאַרטרויט.
זי לעבט געוויס אויף יענער זייט
און אפשר — איז זי טויט.

קיינמאָל געקויפט אַ מלבוש זיך,
קיינמאָל קיין אייגן העמד.
געשפּאָנט האָט ער אין פרעמדע שיך
געוווינט, געשקלאָפט אין פרעמד.

*

געוואַקסן איז אַן עפּלבוים,
מיט וואָרצלען טיף און אַלט.
איינגעצווייגט אין בלויען רוים,
צעבלעטערט און צעשטראַלט.

אין פייגל האָבן דאָרט געשוועבט,
מיט פליגל בלוי אין רוים.
אַ גרינעם שלייער האָט זון געוועבט
ביים שלאַנקן עפּלבוים.

געוואָרן קראַנק דער עפּלבוים,
דער גוף צעדאַרט, צעהוילט.
אָפּגעוועלקט די גרינע קרוין,
דאָס האַרץ ביים בוים צעפוילט.

זיין שיינקייט פּלוצלינג אָפּגעבליט,
די צווייגן אויסגעשטאַרצט,
דער בוים מיט יאָרן אַלט און מיד,
אויסגעהוילט דאָס האַרץ.

וואָס דאַרף אַ טויטער בוים דאָ שטיין
פון זיין געצעלט אַ שפּאַן?
ער וועט דעם בוים איינער אַליין —
אַ גראָב טאָן מיטן שטאַם...

און דזשאַן פאַרמאַסטן האָט זיין כוח,
מיט האַק און דלאָט אין רוים.
דער בוים געפאַלן פון זיין הויך
און דזשאַן מיט אים אין תהום.

דזשאַן רירט זיך ניט פון אָרט,
זיין האַרץ אָטעמט שווער.
אַ לעבן לאַנג געלט געשפּאָרט —
און גאָרניט דאַרף ער מער.

אומגעוואַלגערט ליגט דער בוים,
די זון פאַרגאַנגען רויט.
דזשאַן דיקס דער קאַרגער מאַן —
ליגט אויסגעצויגן, טויט.

ניט געוווּסט — ער גראָבט אַליין,
אַ קבר ביי זיין צעלט.
ערגעץ ליגט ער אָן אַ שטיין —
אויף אַ הפקר־פעלד...

— — — — — — — — —

ראַק־היל אין שטילער רו
מיט האַרבסט און רויטן מאָן.
ערגעץ וויינט אין פעלד אַ קו
ערגעץ קרייט אַ האָן...

דער בלינדער זקן

ער זיצט אין ווינקל געבויגן,
ער קוקט צו דער אָפענער טיר,
דער זקן מיט פינצטערע אויגן —
ער שפירט יעדן מענטשלעכן ריר.

ווער עס פלאַטערט פאַרביי זיין ווינקל,
ער גיט זיך אַ הויב אויף די פּיס.
ווי עס וואָלט אַ שטערן געפינקלט —
ער גיט זיך פון אָרט אַ ריס.

ביסטו מיין טאַכטער געקומען?
ווער ביסטו? לאָז הערן דיין שטים!
ער רופט אָן זיין טאַכטערביים נאָמען,
נאָר אַ פרעמדע ענטפערט אים.

ער שטרעקט אויס די הענט די פאַרדאַרטע,
ווי צווייגן פון אַ טרוקענעם דעמב:
וואָס לאָזטו מיך טאַכטער דאָ וואַרטן,
וואָס האָסטו פאַרלאָזט מיך אין פרעמד?

די אויגן אין חושך זיי זוכן,
ער קוקט צו די קאַלך-ווייסע ווענט.
ער ציט אויס אין שטומען בטחון
צו מיר זיינע אַלטע צוויי הענט.

ער זיצט פֿאַרצווייפֿלט דער זקן,
די אויגן פֿאַרצויגן און בלינד.
זיין קול צו מיר האָט גערופֿן:
ביסטו עס מיין טאָכטער, מיין קינד?

— איך בין דיין טאָכטער — איך ענטפֿער:
זיינע אויגן זיינען פֿאַרטרערט.
ער וויינט דער זקן דער פֿרעמדער,
ווי ער וואָלט איר שטים איצט דערהערט.

ווי ער וואָלט זיין טאָכטער געפֿונען,
ווי אַ נס וואָלט דאָ פּלוצלינג געשען —
אין בלינדע אויגן — צוויי זונען,
ווי ער וואָלט זיין טאָכטער דערזען.

אַ בינטל טרויבן

מיין שווער ר׳ גרשון ראַפּאָפּאָרט
נפטר געוואָרן צו 101 יאָר

אויפן וויינשטאָק הענגט אַ בינטל טרויבן,
דאָס לעצטע בינטל אויף אַ שטאַנג.
איך קוק צום בינטל פול מיט גלויבן —
זאָל עס הענגען לאַנג, נאָך לאַנג.

אַלע בינטלעך שוין אַראָפּגעצויגן,
און דער וויינשטאָק אויסגעקרומט,
זאָל דאָס בינטל טרויבן־אויגן
נאָך ניט פאַלן צו דעם גרונט.

זאָלן טרויבן זיך נאָך האַלטן,
אויף אַ צווייגל פון אַ האָר.
זאָלן זיי דעם זאַפט דערהאַלטן
און דערלעבן נאָך אַ יאָר.

זאָל דער ווינטער עס צודעקן
מיט אַ שנייאיק ווייסער שאַל.
זאָלן טרויבן זיך אויפוועקן,
פונעם ערשטן פרילינג־שטראַל.

זאָל דער זקן עס דערלאַנגען,
מיט זיין ציטערדיקער האַנט,
אויף אַ חופה פון פיר שטאַנגען,
פון זיין גרינעם זומער־לאַנד.

זאָלן נייע פייגל רופן,
פון די בערג מיט זונען־שיין;
בענטשן זאָל ער: פרי הגפן
פונעם בינטל טרויבן־וויין.

ד

דער נאַכטיגאַל פון מײַן היים

ווער גריסט מיך היינט אין בלויער שטילקייט
אויף פליגל פון זוניקע שטראַלן ?
ווער שאַלט אין וואַלד אין שטילער גרינקייט ? —
אַ כאָר פון בלויע נאַכטיגאַלן.

נאַכטיגאַל־געזאַנג פון מיין קינדהייט,
פון גרינע קאַרפּאַטן־הינגלען,
נאַכטיגאַלן, מיט ווינטן פון לינדקייט,
ביים דניעסטער פון גאָלדענע שפּיגלען.

אין זייער געזאַנג — דאָס ליד פון מיין מאַמען,
וואָס זי האָט מיר אין מיין שלאָף געזונגען.
פון שלאַנקע טאָפּאָלן, פון בויכיקע שטאַמען,
מיין קינדהייט האָט היינט אָפּגעקלונגען.

מיין קינדהייט מיט קברים צעטראָטן,
די נעסטן פון קוילן צעטריבן.
מיט אַש די בערג און וועלדער פאַרשאָטן,
דער ניגון איז אויף אייביק פאַרבליבן.

דאָס ליד פון פויגל קאָן קיינער פאַרשטומען,
עס לעבט דורך שטראַליקע פליגל;
אין בלויער שטילקייט האָב איך פאַרנומען
פון מיין קינדהייט דעם אייביקן ניגון...

דער קאַרשנבוים

ווער האָט פאַרפלאַנצט דעם קאַרשנבוים
אין פרילינג-בליטן אויפגעגאַנגען?
ווער האָט פאַרשיכורט דעם בלויען רוים
מיט פייגל-כאָר פון געזאַנגען?

דער בוים אין ווייסן קאַרשן-צוויט —
איך פיל דעם זאַפט אויף מיינע ליפּן.
די צווייגן — ווייס אין בלוי געהילט,
הינטער חופּה׳ס קאַרשן-בליטן...

אָ, אייביקייט, וואָס האָט דעם בוים גענערט?
דער קאַרשנבוים פון מיינע קינדער יאָרן
בליט גאָר דאָ אויף גרינער ערד,
אונטער אַ הימל בלויען, קלאָרן.

און איך, ווי אַמאָל, שטיי פאַרגאַפט,
טרינק דעם זאַפט פון קאַרשן-בליטן.
פיל די שיכרות פונעם זאַפט,
אויף מיינע הייסע רויטע ליפּן...

אייביק וועט דער פרילינג בליען,
און איך וועל דאָ שוין מער ניט זיין.
רויטע קאַרשן וועלן אייביק גליען
און דורות וועלן טרינקען קאַרשן-וויין.

דער ניגון

וואָס הער איך אַ ניגון אין ווייטן,
ווער שפּילט אין דער בלויער שעה? —
אַ בלויער ניגון דורך צייטן
רופט מיך דורך שטילקייט און רו.

וואָס הער איך אַ קלאַפּן אין פענצטער,
ווער קומט עס אַריין דורך דער טיר? —
פון אַלע חלומות — דער שענסטער,
ווער איז היינט געקומען נאָך מיר?

ער רופט מיך אָן ביי מיין נאָמען,
ער שפּילט אויף זיין כּישוף־פליים,
וואָס ביסטו נאָך מיר איצט געקומען,
אין דער בלויער שטילקייט פון צייט?

איך האָב נאָך אַזויפיל צו זאָגן,
דערציילן פון לעבן און פרייד;
איך וויל נישט מען זאָל מיך באַקלאָגן,
איך בין דער ניגון, די פליים.

לאָז מיר אויסשפּילן מיין ניגון,
די פייגל, דער וואלד הערט זיך צו,
נאָר פּלוצלינג אַלץ ווערט אַנטשוויגן —
אויף פליגל פון רו.

נאָר דו, ווי הימל, ביסט אייביק,
און שליסט זיך איין אין מיין רו,
אין דער בלויקייט מיר ווערן לייביק —
הימל — און איך — און דו...

עפן אויף מיר די טיר

עפן אויף מיר די טיר
און לאָז מיך אַריין,
אין דיין הימלישן רוים,
אין דיין ליכטיקן שיין.

קום מיר אַנטקעגן,
האַלט דאָרט מיך צו,
גאָט אין דיין היכל —
געפינען מיין רו.

צעוואָרף אַלע בריקן,
צענעם אַלע ווענט,
שטאַרקט מיך אין פאַל,
מיין מאַמעס צוויי הענט.

לאָז מיך ניט אָפּ,
אין צער און אין נויט,
זיי מיט מיר אייביק —
דורך לעבן און טויט.

די קרישטאַלענע פלאַש

זי שטייט ביים פענצטער ווי פאַרכישופט אין רעש,
צווישן אַלטוואַרג עס בליצט די קרישטאַלענע פלאַש,
די פאַרשוווּנדענע פלאַש פון איר אמאָליקער היים —
צווישן זייגערס און אַלטוואַרג ווי אַן אוצר געהיים.

זי קויפט אָפּ די פלאַש, און וואַשט זי אָפּ פריש,
און שטעלט זי אוועק אויף איר אָרעמען טיש,
זי גיט איצט אַ פּרוּוו די פינגער אויף איר
ווי עס וואָלט זיך צעשפּילט אַ נייער קלאַוויר.

ווי פון ווייטע אַקאָרדן די פלאַש ציטערט שטיל,
און ענטפערט מיט קלאַנגען ווי אַ האַרף אין געשפּיל.
ווי סטרונעס צעשפּילטע דורך פינגער־געקלאַנג,
די קרישטאַלענע פלאַש צעשפּילט אין געזאַנג.

מיט פונקען פון ליכט די פלאַש איז צעבליצט,
מיט זוניקע פייערן איר ליכטיקייט שפּריצט,
עס צעקלינגט זיך די פלאַש מיט קרישטאַלענעם קול —
די פאַרשוווּנדענע היים פון אַמאָל, פון אַמאָל...

ווייסע שאַלן

זי וויקלט די וואָל די קלאָרע,
און קייקלט אַ שניי־ווייסן קנויל.
זי שפּיזלט אַ שורה נאָך שורה —
די אויגן זי ציילט מיטן מויל.

די ווייסקייט לויכט פון די פינגער,
זי כּישופט אַזוי ווי אין שפּיל.
זי העקלט פלינקער און פלינקער
און זינגט זיך אַ ניגונדל שטיל.

און איידער עס גייט אויף דער מאָרגן,
און איידער עס גייט אויף אַ שטראַל,
פון אירע טאָג־טעגלעכע זאָרגן —
עס קלאָרט אַ שניי־ווייסע שאַל...

זי פלעכט אויס פון פעדעם די פלעכטן,
פון ווייסע וואָלענע צעפּ.
עס לויכט אַ חלום פון נעכטן,
מיט ברכה אין יידיקע טעפּ.

אין ענגשאַפט ווייסן זיך שאַלן,
פון ווייסקייט עס שטראַלט און בלענדט.
די וואָל זי פינקלט ווי שטראַלן —
פון מיין מאַמעס צוויי ליכטיקע הענט...

ווּ איז דער קבר פון מיין מאַמען?

איך וועל עולה רגל זיין צו מיין היים,
דורך וויסטע שטעט, דורך ווייטע ימען,
דורך ווינט און שניי זוכן איר געביין —
ווּ איז דער קבר פון מיין מאמען?

איך וועל עולה רגל זיין צו מיין היים,
און וואנדערן, נישט מיד ווערן צו שפאנען
ווּ ליגט פארטיליקט איר געביין?
ווּ איז דער קבר פון מיין מאמען?

איך וועל עולה רגל זיין צו מיין היים,
יעדעס בערגל מיט מיינע הענט אומקלאמען:
ווינטן וויסטע, וויינט אוים מיין געוויין,
ווּ איז דער קבר פון מיין מאמען?

איך וועל עולה רגל זיין צו מיין היים,
אלע יידן-רוצחים צו דערמאנען:
איך בין דאך נישט געבוירן פון א שטיין —
ווּ איז דער קבר פון מיין מאמען?

ריר ניט אָן מיט קיין האַק

ריר ניט אָן מיט קיין האַק אויף קיין צווייג —
עס איז אַ בוים פאַרפלאַנצט נאָך מיין מאַמען.
איך פיל דעם שניט אויף מיין אייגענעם לייב,
טו ניט ווי מיט דער האַק אירע שטאַמען.

מיר דאַכט, זי באַנעמט מיינע טריט,
מיין שטיבל מיט גרין זי באַוואַכט.
יעדער בלאַט ווי מיט פינגער מיך היט
אין שטילקייט, אין רו פון דער נאַכט.

ווערט אַ צווייגל פלוצלינג פאַרדאַרט,
וויל איך בראַנדיקע ווונדן פאַרצאַמען,
דאַכט זיך מיר: צווייַ מאָל אַז זי שטאַרבט —
באַשיץ איך דעם בוים נאָך מיין מאַמען.

איך פלעכט זיך איין אין בלעטער־געוועב,
יעדן מילב מיט מיין אָטעם צעשטויב.
איך היל זיך איין אין די ווערבישע צעפּ,
און וואַקס אַריין אינעם בוים מיט מיין הויט...

— — — — — — — — — — — —

מיין מאַמע, וווּ ליגט איר געביין? —
אין „בעלזן" פאַרגאַזט און פאַרברענט.
אַ, ווערבע, וויין מיט מיר, וויין,
אויף קדושים וואָס זענען פאַרלענדט!

אַ ליאַלקע פון די שעכטער

שלאָף, מיין קינד, מיין פרייד, מיין נחמה,
ווי איז צו אונדזערע ווערכטער.
מען וועט דיר ברענגען פון לאַנד פון טומאה —
אַ ליאַלקע פון די שעכטער...

שלאָף, מיין קינד, האָב ניט מורא,
די בלאָנדע לאָקן זיינען עכטע:
פון אַ קינד ווי דו — אָפּגעשוירן,
דורך מערדער-הענט פאַרשוועכטע.

דו וויינסט אין חלום, דער ליאַלקעס אויגן
פאַרגליווערט פון יסורים —
מען האָט די ליאַלקע אַרויסגעצויגן
פון זעקס מיליאָנען קברים...

מען האָט געטאַקט זי און געמאָלן,
די באַקן מיט פאַרבן רויטע.
אַזוי וויל „נאַצי-עמלק" דעם פרייז באַצאָלן
פאַר זעקס מיליאָנען טויטע.

ווען וועסט, מיין קינד, אין בעטעלע שלאָפן,
קוק גוט זיך איין אין איר פנים!
אין דער פינצטער וועסט הערן דער ליאַלקע רופן,
דיין באַבעס פאַרטיליקטן נאָמען...

פאַרקויף ניט דאָס אַש פון מיין מאַמען!

פאַרקויף ניט דאָס אַש פון מיין מאַמען,
פאַר זעקס מיליאַן זילבער־דוקאַטן.
עס וועט דאָס אַש אין דיין פּנים אויפפלאַמען:
האָסט די קדושים פאַרראַטן!

קאָנסט דאָס אַש ניט וועגן מיט פרייזן,
ניטאָ אַזוי פיל פערל אין ימען.
קאָנסט האַנדלען מיט ברוכוואַרג און אייזן —
ניט מיט אַש פון מיין פאַרפייניקטער מאַמען!

וועג ניט דאָס אַש אויף די פונטן,
ניט בייטל מיט גאָלד דאָס פאַרברעכן.
עס צעטיילן אונדז בלוטיקע גרונטן —
דאָס הייליקע אַש ניט פאַרשוועכן...

ניטאָ קיין פרייז פאַר מיין דור אויסצוקויפן —
דאָס געלט: בלוט פון די אַשן...
יידיש בלוט זיי האָבן געזויפן —
קאָנסט עס מיט גאָלד ניט פאַרוואַשן.

פאַרקויף ניט דאָס אַש פון מיין מאַמען,
עס שרפעט ביז צו די שטערן.
זעקס מיליאַן אַשן זיי פלאַמען
און קאָנען פאַרלאַשן ניט ווערן...

אַ בוים נאָך מיין מאַמען

אויף די בערג פון יהודה, דאָרט אויבנאָן,
וועט בליִען אַ בוים צווישן זעקס מיליאָן...

אַ בוים וועט דאָרט וואַקסן מיט בוימער צוזאַמען,
אין אָנדענק פאַרזייט נאָך מיין הייליקער מאַמען.

ווער עס וועט דורכגיין — פאַרהאַלט אייער אָטעם,
רוט זיך דאָרט אָפּ אין אַ מאַמישן שאָטן.

אָ, הערט זיך דאָרט איין אין געפּליסטער צום רוישן —
דאָס רעדן אין שטילקייט זעקס מיליאָן קדושים.

מאַכט צו אייערע אויגן, באַוואַסערט מיט טרערן,
זאָלן בלעטער ווי יאָרן אויפן בוים זיך פאַרמערן.

אָ, זאָל אייער האַרץ דאָ געבן אַ ציטער,
פאַרהיטן דעם וואַלד פון אַ נייעם געוויטער.

גיט זיך אַ שבועה, עס זאָל קיינמאָל ניט ווערן,
אַ מענטשהייט פאַריתומט אין צער און אין טרערן.

און אויב איר וועט שפּאַנען אין אַן אַנדערער שורה —
יעדער בוים אַ קדוש, ניט געבראַכט צו זיין קבורה.

אַ קדוש פאַרטיליקט אויף אַש איבער ימען.
אין זעקס מיליאָניקן וואַלד — אַ בוים נאָך מיין מאַמען...

ח

וואַלד, דו אייביקער!

וואַלד, דו אייביקער, שטראַליקער וואַלד,
איך קום צו דיין גרינקייט צושפּאַנען.
דיינע פּעכער פון צעדער — קיינמאָל ניט אַלט,
דיינע קרוינען — גרינע פּאַזאַנען...

פאַר פויגל־נעסטן, פאַר הירשן און קראַ,
געצווילינגט מיט בוימער פאַרשידן,
אין דיין זוניקייט — וואָס טו איך היינט דאַ?
אין דיין שטילקייט מיין אומרו פאַרשמידן.

אַן עדות געווען פאַר דיין יוגנט און בלי,
פון שטורעמס און רעגן־שלאַקסן.
אין זומער־גאָלד געווען בין דיין גלי,
מיט דיינע בוימער צוזאַמען געוואַקסן.

דיין פלעקלאָזער הימל בלויער פון בלוי,
באַצירט מיט גרין־צעדער שפּיצן.
איך בין היינט אַ טרער, אַ טראָפּן פון טוי,
אַ בליץ פון געשלאָגענע בליצן...

איך בין היינט אַ זאַנג, איך בין היינט אַ קלאַנג,
דער ציטער פון רוישיקע צווייגן.
איך בין דער עכאָ פון וואַלדיק געזאַנג,
איך שוויג מיט דיין פיבערדיק שווייגן.

גענערט פון דיין שיינקייט, געטרונקען דיין זאַפט
מיט פייגל און נאַכטיגאַלן.
וואַלד דו אייביקער, גיב מיר דיין קראַפט,
מיין ליד זאָל אין אייביקייט שאַלן!

אַזאַ שטילקייט

אזא שטילקייט אויף די פעלדער,
אזא בלויקייט אויף די בערג.
דאָס היי ליגט אָפּגעשניטן,
געטוליעט צו דער ערד.

די בינען זויגן בלומען,
רוישן אין דער לופט,
מיט זאַפט איז דורכגענומען
און רוישט דער רויזן־קוסט.

די פייגל בויען נעסטן,
ביימער טאַנצן שטיל,
מיט צווייגן־הענט צעגרינטע,
מיט פלאַטערלעך אין שפּיל.

איך הער נאָר בלויז דאָס רוישן
פון פליגעלעך אין פלי.
די וועלט איז אַ צעבליטע,
אין שיינקייט ליגט מיין מי...

בוימער

ווער קאָן די שפּראַך פון בוימער — לידער,
ווען זיי רוישן מיטן ווינט.
אַלע גרינע צווייגן־גלידער,
ציטערדיק פאַרליבט, פאַרשפּינט.

זיי וויגן זיך מיט גופים שלאַנקע,
אין טאַנץ געבויגענע אין לופט,
ווי אָנגעשיכורט מיט געטראַנקען,
יעדער בלאַט פיבערט, רופט.

בוימער פלירטן, בוימער רוישן,
קושן זיך מיט ווינטן ווילד,
ווערטער בוימערשע זיי טוישן,
פון ציטער־אָרגלען אויפגעשפּילט.

צווייגן רעדן מיט די פינגער,
צו הימל־רוים און יעדער זאַך,
פלאַפּלען מיט בלעטער־צינגער —
זון און לופט פאַרשטייט די שפּראַך.

זיי באַהעפטן זיך אין וואַקל,
און צעטיילן זיך אין קריג.
ווער פאַרשטייט דעם רויש פון צאַפּל,
ווען זיי בעטן איבער זיך צוריק?

בוימער רוישן, בוימער טרוימען,
באַהעפטן זיך מיט זון און ווינט.
ערגעץ ווערט פאַרזייט אַ זוימען
אין אייביקייט — אַ וואַלד שוין גרינט...

דריי לינדן

דריי לינדן דורך יאָרן באַבלעטערט,
מיט צווייגן און צווייגלעך אַ סך,
באַשירעמט אין הויך און אין שטח —
דריי לינדן ווי אונטער איין דאַך.

הינטער די לינדן דאָרט שטייען,
דריי אַלטע זקנות פאַרטראַכט.
די יאָרן ווי שנעל זיי פאַרגייען —
אַ לעבן צוזאַמען פאַרבראַכט.

פאַרפלאַנצט און געכאַוועט די צווייגן,
מיט שטורעם אין ווירבל-געפעכט.
איצט שטייען דריי לינדן און שווייגן,
ווי שומרים דורך טעג און דורך נעכט.

הינטער שאָטנס פון צווייגן-מנורות
געחלומט, געווען דאָ פאַרליבט,
געטרוימט פון ליכטיקע דורות —
דריי זקנות — פאַרוועלקט און פאַרבליט.

די זקנות זיי קוקן און שטוינען,
דריי בוימער זיי ווערן נישט אַלט,
מיט גרינע שירעמס די קרוינען,
מיט זון-ליכט באַהעפט און באַשטראַלט.

דריי זקנות ווייסע, ווי טויבן,
זיי קוקן מיט וווּנדער אין בליק.
די בוימער העכער זיך הויבן —
דריי זקנות זיי וואַקסן צוריק...

צוויי וועוורקלעך

צוויי וועוורקלעך אין שטילעניש, אין שווייגן,
הינטער אַ חופּה־בעט פֿון טרויבן־צווייגן.

אַרומגענומענע מיט ברוינע סאַמעט־פּעלן,
שוואַרצע דימענטן אין שפּיזן־אויגן קוועלן.

זיי האַלדזן זיך, קושן זיך, אין ליבע־נעסט פֿון טרויבן,
זיי שפּרינגען אויף צו דער זון וואָס לאַכט צו זיי פֿון אויבן.

זיי יאָגן זיך זיג־זאַג אַרויף ניסעלעך צו קלייבן,
זיי לויפֿן שנעל דערשראָקענע באַהאַלטן זיך אין צווייגן.

צוויי וועוורקלעך זיג־זאַג, אַרויף־אַראָפּ זיי היפּן,
צעטומלטע פֿון בוים צו בוים זיי לויפֿן און זיי שטיפֿן.

צום ליבע־נעסט דערשראָקענע זיי שפּרינגען אין געקלעטער,
אין די פּיסקלעך ניסעלעך: באַהאַלטן אַלץ אויף שפּעטער...

בוימער אין נאַכטיקער שיינקייט

בוימער אין נאכטיקער שיינקייט,
צעשויבערט, צעפּאַטעלט אין ווינט,
בוימער צעוויגטע אין גרינקייט,
בוימער מיט לוסט און מיט זינד,
זיי וויגן זיך ווילד אין געוויטער,
די בלעטער מיט סאַמעט־גרין,
בוימער אין צאַפּל, אין ציטער —
זיי רייסן זיך אַלע אַהין...

פּלוצלינג ווי אונטערגעשאָסן,
זיי בויגן זיך איבער צוריק,
מיט שיכרות פון לבנה באַגאָסן,
פון שטערן־אויגן צעפּליקט.
זיי רייסן זיך ווילד פון די ערטער,
די וואָרצלען געבונדן צו ד׳רערד.
בוימער זיי זינגען אָן ווערטער,
אין נאכטיקער שטילקייט דערהערט.

די ווינטן ווערן אַנטשוויגן,
די בוימער שטילן זיך איין.
די נאכט זינגט אויס אַ ניגון,
אין העלקייט פון לבנה־שיין.
די בלעטער ווערן פאַרשלאָסן,
שוויגן אין שטילקייט פון נאכט.
מיט לבנה־זילבער באַגאָסן,
אין נאכטיקער שיינקייט פאַרטראַכט...

אַ גרינער שירם

אַ גרינער שירם, אַ בלויער הימל,
פון זון באַגאָסן בענקלעך פיר.
אַ שטיבל מיט גרינע פענצטער-פליגל,
און פון ריינעם גלאָז אַ טיר.

אַ ווייסער טיש ווי פון מילך געוואַשן,
וואָס זויגט די זון אין שפּיגל-גלאַנץ.
פייגל זינגען, קינדער רעשן,
און ביימער אין אַ רונדן קראַנץ.

אַן אַלטער בוים, אַ טאָפּאָל אַ שלאַנקער,
ווערבעס צוויי מיט בלעטער גרין;
אַ שיינער וואַלד אין אַ וועלט אַ קראַנקער,
שוואַרצע בשורות קומען אויך אַהין...

אַ קאַרשנבוים לויכט פון ווייטן,
מיט רייפע קאַרשן פון זיין קראַפט.
אַ וואַלד-קאַפּעליע מיט פייגל-פליימן.
מיין מויל איז פול מיט קאַרשן-זאַפט.

און איבער מיר אַ זון אַ רויטע,
די ווערבעס וויגן זיך אין שטילער רו.
אין דער שיינקייט — אויגן צוויי צעבלויטע —
דאָרטן וווּ איך בין, ליכטיקער ביסטו...

שטערן מיינער, שטערן...

שטערן מיינער, שטערן, שטערן מיינער שיין,
צווישן שטערן־פייער — לויטערער דו מיין.

לויכסט מיר נאָך מיין שטערן, צווישן שטערן־גאָלד,
פון מיין קינדיש וויגל איך האָב דיך אויסגעמאָלט.

לויפסט מיר נאָך אין הימל אין דיין שטערן־בויג,
היטסט מיך אויף די וועגן ווי מיין מאמעס אויג.

גיסט מיך אָן מיט גלויבן פון דיין הימל־הויך
טרינקסט מיך אָן מיט זעונג און מיט שאפונגס־כוח.

שטערן מיינער, שטערן, פאַרלאָז מיך ניט אין וועג,
צינד מיך אָן מיט חלום ביז די לעצטע טעג.

זוניקער טאָג פֿון מיין לעבן

זוניקער טאָג פֿון מיין לעבן,
איך פֿיש דיך פֿון נעפּל אַרויס.
דורך יאָרן האָסטו מיר געגעבן
שטילקייט און רו אין מיין הויז.

איך צייל איצט צוריק מיינע יאָרן,
איך וויל זיך דערמאָנען די שעה.
ווי אַ פֿיש אין כוואַליעס פֿאַרלאָרן
זוך איך אין דמיון די רו...

זיי האָבן מיין רו צוגענומען,
דורך טרערן געזאַלצן מיט ברויט.
שטענדיק מיין האַרץ איז פֿאַרנומען,
מיט מענטשלעכן וויי און מיט נויט.

אין פֿאַרבן פֿון פּלאַמיקע זונען,
געגאַרט נאָך דער הייליקער שעה —
אויך דעמאָלט האָב איך נישט געפֿונען,
אָט יענע געלייטערטע רו...

היינט אין וואַלדיקן שטיבל,
אין נאַכטיקער שטילקייט אַליין,
מיין האַרץ אַ וויינענדיק פֿידל —
וויינט אויס מענטשלעך געוויין.

צוויי בוימער

איך האָב מיט מיינע הענט פאַרפלאַנצט,
צוויי בוימעלעך, צוויי דינע.
היינט שטייען זיי אַרומגעקראַנצט
צוויי שיינהייטן, צוויי גרינע.

זיי האָבן היינט זיך אויסגעפוצט,
לכבוד נייעם פרילינג,
זון און רעגן אויסגענוצט —
צו גרינען ווי אַ צווילינג...

מיט בלומען אין די קעפּלעך,
מיט בלעטעלעך צעציטערט,
מיט ווייסן צווייט אין צעפּעלעך,
מיט דימענט-טוי צעפליטערט.

זיי נעמען זיך אַרום ביינאַנד,
מיט פינגער — גרינע צווייגן,
און שירמען מיך ווען זון צעפלאַמט —
איך בענטש זיי שטיל אין שווייגן...

ך

קאַליפאָרניע

פון אורעלטער בארגיקער רחבות,
פעלדזן אין מאָנסטערשע שאָלן;
פון בראַנדיקע אויליקע שאַכטעס —
ווי וואָלט איך דיין שיינקייט געמאָלן?

דיין לאַנדשאַפט פון שפּיציקע טורעמס,
געשלענגלט דורך בערג און קופּאָלן,
געקנאָטן פון ווינטן און שטורעמס,
מיט זאַמדן די טאָלן געשוואָלן.

מיט בוימער־עקאַליפּטוסן שלאַנקע,
ווי אינדיקעס מיט צעפּאַטלטע קרוינען,
בוימער ווי פאַרפּלאָנטערטע שלאַנגען,
אויף פעלדזיקע שפּיצן פון תהומען.

און בוימער, ווי אינדיאַנער צעשטעלטע,
מיט צווייגן בראַנדזענע פיילן.
מיט קרוינען, ווי הענער צעקרעלטע,
אויף באַרגיק־פאַרשטיינערטע זיילן.

און סעדער מיט בוימער־אַלייען,
מאַראַנצן ווי גאָלדענע זונען,
און בוימער, ווי פרידנס־אַרמייען
מיט פאַקלען אויף צווייגן צעצונדן.

בוימער מיט פייגן און טייטלען,
דורך הענט פון נאָמאַדן פאַרזייטע.
גאָלדענע סעדער זיך קייטלען,
מיט אויבסטן פאַר דורות פאַרגרייטע.

פאַרפלאָנצט אין זוניקער ברכה,
אויבסטן פון גאָלד אַ סימפאָניע.
בוימער אין פעלקער־משפחה
אין זוניקן לאַנד קאַליפאָרניע.

פּאַלמעס

פּאַלמעס, באַבלעטערטע גרינע,
חופּה'ס איבער סאַמעט־אַלייען.
איך קום פון אַ קאַלטער מדינה,
וווּ בוימער באַקליידטע אין שנייען.

אין ניו־יאָרק — פראָסט אויף די שויבן,
שנייען צעוויכערטע טאַנצן.
איך וואָלט אייך מיט הענט אויפגעהויבן,
אויף גאַסן דאָרטן פאַרפלאַנצן.

ביי יעדן פענצטער אַ פּאַלמע צעגרינטע,
אין שיינקייט פאַרפלאַנצט וואָלט איך דאָרטן.
מיט פעכערס פון זון־ליכט צעשפּינטע,
אויף יעדער גאַס — פון פּאַלמעס אַ גאָרטן.

הינטער גרינע צעבלעטערטע פליגל,
פון פּאַלמעס וואָס וואַקסן צוזאַמען,
אַוועקגעשטעלט אַ קינד מיט אַ וויגל,
נעבן אַ שטראַליקער מאַמען.

ניו־יאָרק וואָלט געווען אַ גן־עדן:
פּאַלמעס אויף גאַסן אין שורות
מיט יום־טוב פון קינדער און פריידן —
ווי שפּילער מיט צעזונגענע לירעס.

טייטלען

אין מדבר פון אוראַלטע שׂרפות,
דאָרט בליט אַן אַלייע פון טייטלען.
מיט הונדערט און צוואַנציק לייטערס,
אין הייסן מדבר זיך קייטלען.

יונגען ווי לופטיקע רייטערס,
מיט שטרויענע היט ווי פּיראַמידן,
זיי שווינגען די בויגיקע לייטערס —
טרייסלען די טייטלען אין נידער.

טייטלען מיט האָניק פון זונען,
איך האָב זיי געקליבן, געקליבן,
געפּילט די זיסקייט צום גומען,
אין לידער זיי שפּעטער פאַרשריבן...

אַ הייסער טייך

וואָס קאָכט און פּלייצט ווי אַ כמאַרע,
וואָס זידט אינעם בויך פונעם שטיין?
עס דאַמפט אַ הייסע פּאַרע
פון טייך, ווי אַ הייסער באַסיין.

פון טייך גייט אויף אַ נעפּל,
ווי אַ גרויער פאַרשלייערטער רויך.
דאָס וואַסער היים, ווי שוועבל,
שלאָגט מיט קוואַליקן כוח.

מענטשן מיט קוליעס באַלאָדן,
קאַליקעס, אָרעם און רייך.
פון וויטן זיי קומען זיך באָדן,
זיך היילן אין הייסן טייך.

איך שטיי פאַרגאַפט פונעם וווּנדער,
אַ טייך שוימט און זידט,
דער גרוב, ווי אַ קעסל אַ רונדער,
מיט הייסע וואַסערן גליט.

אין די לעצטע טעג

איך זע אים אין שוואַרצן מאַנטל און אין שוואַרצן הוט,
זיין פּנים בלייך, אויסגעלאָשן יעדער טראָפּן בלוט,
די ליפּן ווייס מיט אָדערן פאַרבלויט,
די אויגן טרויעריק מיט אַנגסטן פאַרן טויט,
ער שאַרט זיך פאַמעלעך ביים האַרץ די האַנט,
און שטעלט זיך אָפּ, און פאַלט אַ מידער צו צום וואַנט.

און אָט דערזעט ער מיך אין מיטן העלן טאָג,
די אויגן לויכטן אויף, ער גיט צו מיר אַ זאָג:
איך האָב דעם מענטשן פון מיין ליכט געגעבן,
און זעט, ווי טראַפּנווייז עס לעשט זיך אויס מיין לעבן,
ווער קאָן היינט זאָגן: ווער תּלמיד, און ווער לערער,
אין אָט די טעג די פינצטערע, אין אָט די טעג די שווערע.

איך ווייס — אייך ציט, אַ טאָכטער יידישע, קיין ציון,
אין יעדן שטיין, אין יעדן פעלדז, איר זוכט אַ קיום.
דער ייד וועט מיט זיין גייסט דעם אַלטן פעלדז באַזיגן,
און איר וועט אויף די בערג פון ציון זינגען אייער ניגון,
דאָס יידישע לאַנד וועט ווערן אויסגעלייזט פון שונאים
ווען איר וועט שפּאַנען דאָרטן — זאָלט איר אויך מיך דערמאָנען...

צוויי בוימער פֿאַרברידערט

צוויי בוימער דורך זון און דורך שלאַקסן,
צוויי גופים צוזאַמענגעברידערט,
דורך הונדערטער יאָרן פֿאַרוואַקסן,
אין ערד מיט די וואָרצלען פֿאַרגלידערט.

צו זייער הויך פֿאַררייסט מען די אויגן,
דעם הימל אָט שפּאַרן זיי אונטער,
די קעפּ זיך וויגן און נויגן —
צוויי בוימער געשמידט און באַזונדער...

די פּיס צוזאַמענגעוואַקסן,
די הערצער פֿאַנאַנדערגעריסן.
דורך שטורעם און ווינטיקע שלאַקסן,
די קאָרע פֿון ווינטן צעשמיסן.

די קעפּ זיך טיילן פֿאַנאַנדער,
די פּיס געפֿלאָכטן צוזאַמען,
שטענדיק צעקריגט מיטאַנאַנדער —
מיט די פּיס געשמידט צו די שטאַמען...

צוויי בוימער מיט קודלעס צעשויבערט,
זיך נויגן צום טייכיקן שפּיגל.
די בלעטער צערוישט און צעפּלוידערט,
זיך רייסן צום באַרגיקן היגל.

מענטשן מיט זיבעציק שפּראַכן

מעקסיקאַנער, כינעזער, און יידן,
מולאַטן, שפּאַניער און גריכן,
פעלקער מיט הויטן פאַרשידן,
מיט קודלעס, מיט צעפּ, און מיט פליכן.

מיט שיפן און באַנען און פליגל,
באַפעלקערט מיט ליכטיקן לעבן,
דער פּאַסיפישער ים ווי אַ שפּיגל,
און מענטשן גאַרטלען די ברעגן.

ווי טראָפּישע פאַרביקע בלומען,
קינדערלעך שפּילן און לאַכן.
פון לענדער צום גאָלד־ברעג געקומען,
מיט זיבעציק פאַרשידענע שפּראַכן.

ווי מאָלערייען פון פאַרכישופטע אינדזלען,
מיט פאַרביקע פּרוכטיקע טאָלן,
גאָטס ווערק פאַראייביקט אין פּענדזלען,
פון גאָט אַליין אויסגעמאָלן.

פ א ר ע ס ט ־ ה י ל

אינטערנאַציאָנאַלער בית־עולם אין לאָס־אַנגעלעס

אָנשטאָט מצבות —
בוקעטן מיט בלומען

ניט בערגלעך פון מתים־סקעלעטן,
מיט שטיינער־מצבות דאָ שטומען,
אַ פעלד מיט קאָלירטע בוקעטן,
שטאט מצבות — בוקעטן מיט בלומען.

ס׳איז לעבן מיט טויט דאָ פארפעדימט,
הימל און ערד דאָ אַ צווילינג.
פאַראַן בלויז איין אייביקייט: לעבן,
וואָס וועבט זיך אין אייביקן פרילינג.

מיט פייגל־געפאָך אין די פליגל,
מיט פאַרבן־געשפּיל פון די צייטן.
עס איז אַן איבערגעקערטער שפּיגל,
לעבן דורך טויט אויסצובייטן.

ס׳איז בלומען — ניט ווייסע מצבות,
ס׳איז לעבן און טויט דאָ צוזאמען;
מענטשלעכער זיין ווי אַן עדות —
פאַרפלאָכטן מיט ביימער און שטאַמען.

ס׳איז קיין שרעק דאָ ניטאָ פארן שטאַרבן,
דער קבר — אַ בעט אָפּצורוען,
אינעם שפּיגל פון זון־גאָלד און פאַרבן,
אין דער שטילקייט פון אייביקע שעהן.

עס איז רו נאָך מענטשלעך געראַנגל,
מיט לבנה און שטערן צוקאָפּנס,
לעבנס וואָס זיינען פאַרגאַנגען —
ווי טויען דורך זוניקע טראָפּנס.

אַ בית־עולם פון פעלקער פאַרשידן,
מצבות — בוקעטן מיט בלומען.
זיי רוען דאָ אַלע אין פרידן
מיט טויט און לעבן פאַרשפּונען.

דאָס הויז פון די הירשנביינס

אויפן באַרג אין דער הויך, ווי אַ שלאָס פון פאַרצייטן,
שטייט דאָס הויז אין רחבות געווענדט צו די ווייטן.

צו די טאָלן און בערג, צו די מילך־ווייסע שטיבער,
קוקט דאָס הויז פון דער הויך איבער דעכער אַריבער.

אַרום — גרין־יונגע פּאַלמעס, מיט ליכטיקע קרוינען
באַגרינען דאָס הויז, באַדעקן די פלוינען.

אַ זוניקע טאָג אויפן בלויען טישטעך פון הימל,
באַשטראַלט און באַלויכט יעדעס בלעטל און בלימל.

אין ליכטיקן הויז עס פעלט דאָרטן איינער,
פּרץ — דער שטאָלצער, דער ריטער דער שיינער.

אין בראָנדז און פאַרב אַלע ווינקלען דערמאָנען,
דעם אַדלערשן קאָפּ, דאָס אויסטערליש פּנים.

אַ געזאַנג דאָס הויז, עס פעלט דאָרט דער זינגער —
דערציילן די קלאַנגען פון עמוסעם פינגער.

די דיכטערין אסתר מיט טרויריקע אויגן,
דער אָדלער פון נעסט אוועק איז געפלויגן.

אין פרדס פון דיכטונג

אין פרדס פון דיכטונג קאָן מען ניט אַריין,
דורך חניפה, רשעות און מסירה.
אין פרדס פון דיכטונג לויכט אַ ציטער־שיין,
מען קומט אַהין דורך הייליקער יצירה.

און ווער עס קלעטערט איבער יענעמס גוף,
און וויל דורך יענעמס בלוט אַריין אין טעמפּל,
וועט קריגן זיין באַצאָלטע שטראָף,
און פאַרשאָלטן זיין מיט קין׳ס שטעמפּל.

אין פרדס פון דיכטונג דאַרף מען באָרוועס גיין,
מיט הייליקייט פון שבתדיקע ליכטער,
און קומען צום היכל ווי די באָבעס פרום און ריין,
און ניט מיט גיפט און גאַל אויף דיכטער...

קעגן גאָלד פון פאַרנאַכט

קעגן גאָלד פון פארנאכט האָט געשפאנט דער געלערנטער,
די אויגן געווענדט צו דער ווייט,
אין רייפקייט פון יאָרן טיף א דערהערטער,
האָט ער געשפאנט אריבער דער צייט.

ווו וועלט וועט זיין אויסגעלייזט פון פארדארבער
און מענטש וועט אייביק זיין פריי;
אין גאָלד פון פארנאכט געזען זיינע ארבער —
די יורשים פון אייביקן מאי.

די פעכערס פון פאלמעס אין שטילקייט צעוויגטע,
ווי ריזיקע וועכטער אין ריי.
ער האָט געחלומט פון א וועלט א באגליקטער,
פון פיין אויסגעלייזט און פון וויי.

אהין און צוריק האָט געשפאנט דער געלערנטער,
די זון האָט אין מערב געגליט.
די טיפסטע רייד גערעדטע אָן ווערטער,
האָבן גערוישט אין די שטיל-שטילע טריט.

ווי מיט צירונג באלאדן אויף בוימער מאראנצן,
האָבן געלויכטן אין שטילן פארנאכט.
דער דור זאָל זיין אייביקן חלום דערגאנצן,
האָט ער שטיל אין זיין שפאנען געטראכט.

קעגן גאָלד פון פארנאכט האָט געשפאנט דער געלערנטער,
אויף זיין פארנאכטיקן וועג פארקלערט.
צווישן גרינע פאלמען און גאָלדענע גערטנער,
זיין חלום זאָל נישט ווערן צעשטערט...

כוואַליעס

שטאָלענע כוואַליעס האַמערן די ברעגן,
מיט גלאַנציקע זילבער־חלפים.
דער שטורעם שמייסט זיי אַנטקעגן,
און פֿאַלמעסט די כוואַליקע גופים.

מעוועס זיי שווּעבן אויף כוואַליעס פֿון שיפֿן
און ווערן אין שום נישט דערטרונקען.
עס עפֿנען זיך תהומען אין כוואַליקע טיפֿן
און ווערן אין כאַאָס פֿאַרשלונגען.

עס שמעקט מיט שטורעם, פֿיש און מיט זאַלצן,
דער ים איז מיט שטורעם געשוואָלן.
כוואַליעס ווי פֿעסער רוישן און וואַלצן,
אויף בייכיקע כוואַליעס זיי ראָלן.

ניאַגאַראַ־וואַסערפאַלן

ווי אין אַ קאַלך־אויוון זידן כוואַליעס אין טיפֿן,
כוואַליעס זיך ראַנגלען ווי פאַרשטויסענע שיפֿן.

זיי שלאָגן זיך אָן אין פעלדזיקע שטיינער.
וואַסער־בערג שלייפן אײדלשטיינער.

וואַסערן — כלות אין פאַרפלאַנטערטע שלייערן —
לויפן זיך ראַטעווען פון רויכיקע פייערן.

אַ דונער־קאַפּעליע מיט פויקן און צימבלען —
אַ וואַסער־סימפאָניע שפּילט צו די הימלען...

פון אייביק צו אייביק זיי פאַלן און פאַלן,
פינצטערע הימען מיט ליכט צו באַשטראַלן...

ז

די גאָלדענע קייט*

אָ, איר העלדן ליכטיקע,
טויזנטער געזיכטיקע,
אין דער דורות-קייט;
איר חשמונאים פלאַמיקע,
אינעם נס פון חנוכה,
איר לויכט אין אייביקייט.

דורך צייטן יאָרהונדערטער,
אייער קאַמף אויך אונדזערער,
ביים ירדן פון אַמאָל.
איר מכבייער פלאַמיקע,
איר ברידער שטאַמיקע,
פון מדבר און פון טאָל.

אייער דורות רינגען-קייט,
קייטלט זיך אין גאָלדן-קייט,
אייער אָנדענק איז אונדז טייער.
צו אַמעריקע אונדזער לאַנד,
האָט אייער פלאַם העל געפלאַמט —
דריי הונדערט יאָר צושטייער.

* צו דער פייערונג פון דריי הונדערט יאָר ייִדן אין אַמעריקע
אין גייסט פון חנוכה און יום־טוב און העלדישקייט
וועב איך איין רינגען אין דער דורות־קייט.

ווייט פון האָלאַנד פון אַמסטערדאַם,
דורך בראַזיל געקרייזט דעם ים,
אַ שיף איז צוגעשווומען.
נישט קיין גאָלד און קיין בריליאַנט,
מיטגעבראַכט אין נייעם לאַנד:
בלויז ייִד דעם וואָגל־נאָמען.

ווו אַ ראַנד און ווו אַ ברעג,
האָט ייִד פאַראַנקערט זיינע טעג,
מיט אינדיאַנער שבטים.
אויפן אינדזל ניי־אַמסטערדאַם,
האָט ייִד פאַרפלאַנצט זיין אַלטן שטאַם
אין גאָטס צען הייליקע געבאָטן...

*

אזוי ווי שטערן, אזוי ווי דאָס זאַמד,
האָט יעדער צעהעלט אַ פונק אינעם לאַנד,
דאַ זיך פאַרפלאַנצט און דורות געבאָרן,
מיר צינדן היינט ליכטער אין זייער זכרון.

אין יענער צייט פון דרייצן שטאַטן,
האָט קאָמענדאַנט „דזשאָרזש וואַשינגטאָן"
מיט לויב באַלוינט פאַר זיינע טאַטן
דעם ייד חיים סאָלאָמאָן.

ער האָט זיין גייסט געבראַכט צושטייער,
יעדער מענטש זאָל זיין אַ פרייער,
פאַר יעדן בירגער זאָל געהערן,
די פאָן פון שטרייפן און פון שטערן.

עמנואל נח, זיין וויזיאָנערישער גייסט,
מיט הייזהייט פון מיין פאָלק געשפייזט,
דורך העלדישקייט און דורך יסורים.
מיר צינדן ליכטער אויף זייערע קברים.

עס רינגלען זיך דריי הונדערט יאָרן,
אין דורות-קייט אַ מענטשן-טורעם
וווּ דאָס אויג גיט נאָר אַ בלענד
אין שטיין פאַרקריצט: אַ מאָנומענט.

*

עמא לאזארוס, דיכטערין טויטע,
דו האסט נישט געלעבט אומזיסט.
זע ווי דיין ליד אויף טורעמס געבויטע,
אין שטיין און גראניט איז געקריצט!

זע ווי דיין פאקל לויכט איבער ימען,
רופט די מידע וואנדערער אין וועג.
די וואס זיינען ארויס פון די פלאמען —
דו לויכטסט זיי צום פרידלעכן ברעג.

עמא לאזארוס, דיכטערין צארטע,
יידישע טאכטער פון ליד.
זע ווי דיין פאקל לויכט צו פארשפארטע,
וואס ליגן אין תפיסות געשמידט.

זע ווי דער שטורעם בייטשט זיינע בליצן,
וויכערט מיט דונער דעם ים.
דיין פאקל פון ליכט וויל זיי באשיצן:
קינדער פון יעטוועדן שטאם.

זיי קומען מיט שיפן, מיט עראפלאנען,
דורך חושך פון פינצטערע טעג,
דיין פאקל לויכט זיי דורך שטורעם פון ימען:
וואנדערער מידע אין וועג.

עמא לאזארוס — שוועסטער פון פיינע,
אין אייביקייט לויכט דיין געזיכט.
זאל דיין פאקל העלער נאך שיינען —
מיר צינדן פאר דיר היינט א ליכט!

*

מיין פאָלק האָט מיט פעלקער דערהויבן,
„אַמעריקע" אין שטיין און גראַניט.
בריקן געפלאָכטן מיט מאַרך און מיט גלויבן,
פעלקער צוזאַמענגעקניפּט.

מאָיסעיאַף דער בויער פון מאַנהעטן־בריק,
ווי האַרפעס צעשפּילטע אין הויכן.
זיי בינדן די ברעגן אַהין און צוריק,
אַריבער די מויערן און רויכן.

אַזוי ווי אַ טויכער טויכט אינעם ים,
פּערל אין גרונטן געפינען,
האָבן מוחות געזוכט אין בוך פון רמב"ם —
פון מענטשלעכן לעבן דעם זינען.

דער יידישער מוח אַזוי ווי אַ נעץ,
פאַרוואָרפן אַרויף צו די ספערן,
דורך גראַוויטאַציע פון הימליש געזעץ,
פאַרצייכנט דעם גאַנג פון די שטערן.

דורך טויזנטער יאָרן דער דאָרן ער ברענט,
מיין פאָלק מיט פלאַם אָנגעצונדן,
אַריבער די ימען האָבן הענט מיט הענט —
אַ מענטשלעכע בריק אויסגעבונדן.

בראַנדעס דער ייד, מיט פלאַם פון וואָרט,
הלל סילווער — דער זייל פון געוויסן,
אין גאָלדענער קייט האָט יעדער זיין אָרט —
געקייטלט מיט חכמה און וויסן.

חיים גרינבערג, זיין שפּראַך ווי אַ סטרונע,
פון צאַרטע און שענסטע ניגונים.
סטיפן וויז האָט געשאַלט מיט אמונה —
די גאָטהייט אין מעשים געשפּונען.

און העלדן פון עמך און העלדן פון נויט,
ווער קאָן זיי אַלע דערמאָנען?
מיט שוויים פון די הענט געגעסן דאָס ברויט,
און געבויט אַמעריקע צוזאַמען.

„גאַרמענט-סענטער" אין טעגלעכן יאָך,
קליידער און מאַנטלען גענייט,
יידישע הענט — אין ריטמישן שטאָך —
זיי האָבן אַמעריקע באַקליידט.

יידישע דיכטער פון יעטוועדן ראַנג,
אַנטלאָפן פון שטעט דורך פּאָגראָמען,
אין רויש פון מאַשינען שאַלט אַ געזאַנג,
זאָל זיי אַמעריקע דערמאָנען.

מאָריס ראָזנפעלד דער ארבעטער-דיכטער,
ער האָט דאָ באַזונגען די נויט.
שלום עליכם, יהואש — די ליכטער,
זיי זיינען קיינמאָל ניט טויט.

דוד עדעלשטאַט — ברידער און שוועסטער! —
אין סוועטשאָפּ די לונג אויסגעשפּיגן.
ערגעץ אין שאָפּ, אין דער שטאָט דער גרעסטער,
וואָגלט ארום נאָך זיין ניגון.

דער יום-טוב געמישט מיט טרויער אין בליקן,
ארבעטער-מיידלעך אין וואָלקנס געדיכט,
פון „טרייענגל-פייער" אין די פאַבריקן
זיי ברענען אַליין ווי די ליכט.

אַברהם רייזין, פאָלקס-זינגער געטרייער,
זשיטלאָווסקי דער קעמפער פאַר יידיש,
און יעדער פון זיי אַ צושטייער —
צום גרויסן געזאַנג פון קידוש.

י. י. שוואַרץ האָט אויף פעלדער „קענטאַקי"
מיטן יידישן פעדלער געוואַנדערט;
אַלטער עסעלין אין ווייטן „מילוואָקי"
האָט אויף דעכער לידער געהאַמערט.

איבער די „פּרעירים" פון יידישן „קאָובאָי"
פערדלעך ווי אָדלער צעפלויגן,
אַזוי האָט געמאָלן אייזיק ראַבאָי:
פערדלעך מיט יידישע אויגן...

משה לייב און מנחם, ראָלניק און אַ. לעיעלעס —
אין גאָלדענער קייט פון געזאַנגען,
דורך וואָכיקן חלום צום ליכטיקן נס —
זייערע לידער אין לאַנד אויפגעגאַנגען.

און אהרן, מיין אהרן, אין מעשה פון שאָפּ,
און לוצקי אין טאַנץ פון קלאַרנעטן,
אין זעג און אין האַמער, אין רעדער-געקלאַפּ
האָט געזונגען מיין דור פון פּאָעטן.

אַפּאַטאַשו און לייוויק — עס שמידט זיך די קייט,
פון דורות דורך דורות פּאָעטן,
די פּויק און די פידל, די האַרף און די פליים,
מיין דור האָט באַזונגען מאַנהעטן.

קאַדיע און ציליע — מיינע זינגערינס־שוועסטער
מיט פאַרבן אין קוישן ווי בלומען,
מיט פידלען און צימבלען אין כאָר פון אָרקעסטער,
זייערע לידער צום גאָלדענעם לאַנד געשפּונען.

יונגע פּאָעטן פון קאַרפּאַטן און דניעסטער,
ביי דיינע טייכן צעהאָנגען די לירעס;
יונגע און אַלטע אין כאָר פון אָרקעסטער,
צוזאַמען געזונגען זמירות.

יידישע דיכטער, מיין דור פון זינגער,
איך וויל דאָ קיין איינעם פאַרשעמען,
איר זייט מיר נאָענט ווי מיינע צען פינגער,
כאָטש איך רוף נים אָן אייערע נעמען.

זאָלן אויך העלדן ווערן דערמאָנט,
אויף פעלדער פון שלאַכטן פאַרלאָרן,
געפאַלן אין קאַמף פאַר אונדזער לאַנד,
העלדן אויף פאַרגעסענע קברים.

מיר צינדן אַ ליכט, שטייען אין שווייגן,
פאַר די טרערן פון מאַמעס ווי קוואַלן;
פאַר דער פאָן פון די שטערן און שטרייפן —
פאַר די יידישע קעמפער געפאַלן.

זאָל אינעם ליכט וואָס מיר צינדן אָן
פון הייליקע קדושים, אויפפלאַמען
אין דער גאָלדענער קייט פון זעקס מיליאָן
דאָס פּנים פון מיין הייליקער מאַמען.

אין דער גאָלדענער קייט זאָל אויך געהערן,
אין שאַליקן כאָר פון אָרקעסטער,
גאָלדע מאיר — פון „פּרויען פּיאָנערן"
די האַרציקע יידישע שוועסטער.

זאָל פאַר ישראל דאָס חנוכה־ליכט
קיינמאָל פאַרלאָשן ניט ווערן,
אין דער אייביקייט זאָל יעדנס געזיכט,
לויכטן ווי אַ גאָלדענער שטערן.

דאָס הויז פון שלום

די יו. ען.

הויך און קוואַדראַטיק די גלעזערנע ווענט,
ציט זיך דאָס הויז אין קרישטאַלענעם בלענד.
פענצטער ווי כוואַליעס אין זון-ליכט געטויכט,
מיט פּראָסטיקן בלענד די שויבן באַהויכט.
פון קיזל און זאַמד, פון מאַרמאָר און שטיין,
צו שמידן פאַר שלום אַ פעלקערשע היים.

אַ צימער: מיט געפלאָכטענע זאַנגען די ווענט,
געשניטן פון פעלדער דורך אַרבעטער-הענט;
טאַפּעטן געוועבט אין פאַרבן-געבלענד
אין אוזאָרן פאַרכישופט — דער הייסער אָריענט.
די רערן ווי אָרגלען אין שטילקייט צעשפּילט,
דעם דרויסיקן רעש אין קלאַנגען פאַרשטילט.

פעלקער פון לענדער אונטער אייגענעם דאַך,
רונד אַרום טישן רעדט יעדער זיין שפּראַך,
קלאַנגען פון ווערטער שמעלצן זיך איין,
ווי קערנער פון טרויבן אין פליסיקן ווײַן.
אויערן מיט טרייבלעך הערן זיך איין —
ווי די וועלט פון מאָרגן אייניק וועט זיין.

דורך שטראַליקע פענצטער שווימען שיפן פאַרביי,
געלאָדן מיט רחבות צו דער ליכטיקער פריי,
מיט זעגלען וואָס שוועבן צו די ימען אַוועק,
און טראָגן בשורות צו יעטוועדן ברעג,
טויבן זיי שוועבן מיט פליגל צעשפּרייט,
מיט אויגן פון בענקשאַפט ווערן שיפן באַגלייט.

זאָל דאָס הויז פאַר דורות ווערן באַהיט,
מיין פאָלק אין פעלקער־שלום אַ גליד,
פאַנען צעפלאַטערט מיט ליכט און מיט זון,
צווישן פעלקער־פאַנען די יידישע פאָן,
וואָס הייליקט אין בונד ישעיה׳ס חלום —
אַ פייערדיקער זייל דאָס הויז פון שלום...

פרויען אין וואַרט־זאַל ביים דאָקטאָר

דורות פרויען — חוה׳ס טעכטער,
פרויען, מאַמעס און באָבעס,
גרויהאָריקע, שווער לייביקע, שטילע.
איר זיצט דאָ ביים דאָקטאָר,
אויף די ליפּן — אַ תּפילה.

פרויען־שוועסטער מיינע,
מיט יאָרן פאַרהאָרוועטע שווערע,
דורך מוטערשאַפט פון געבערן,
מיט פּים אויפגעשוואָלן,
און אויגן — ימען טרערן.

פרויען — איך זע אייך אין בליונג,
מיט אויפגעבויכטער מוטערשאַפט,
מיט הייליקן פרוילעכן ציטער,
דורות טראַגנדיקע מאַמעס,
איצט — זאַנגען פאַרן שניטער.

פרויען — הייליקע שוועסטער מיינע,
ווייסן אייערע מאַנען פונעם טרויער?
שרעק און צער אין אייערע אויגן,
איר וואַרט ווי אויפן יום־הדין —
ווי שטומע שאָף מיט קעפּ געבויגן.

פרויען — הייליקע שוועסטער מיינע,
ציטערט נישט פאַרן שניטער!

קוקט צוריק צו דער חופה־נאכט,
צו מיידלשאפט און מוטערשאפט,
און גאָט וועט זיין אייער היטער.

דורות פרויען — חוה׳ס טעכטער,
מאַמעס און באָבעס — פארוועלקטע בלומען
ברענגען זייער מוטערשאפט אויפן מזבח,
אין דורות־גאנג, אין אייביקייט —
פאר די אייניקלעך וואָס קומען...

צו לייוויקן אין שפּיטאָל

איך קאָן ניט איינשלאָפן די נאַכט,
מיין האַרץ אין צער, מיין האַרץ אין ווייטיק,
איך זע דיך ווי ירמיהו אין דער נאַכט,
איך הער דיין שווייגן, דיכטער לייוויק...

ס'איז פרילינג, וואַך אויף פון שלאָף,
צעזינג די לידער דיינע, לייוויק.
דיין שווייגן איז דער העכסטער רוף,
דיינע לידער זיינען אייביק, אייביק.

דיינע לידער פליגלען אינעם שלאָף,
זיי פליען מלכותדיק אַרום דיין דרימל.
דיין וואָרט איז פלאַם פון אונדזער שטאַם —
ווי שטערן לויטערע אין הימל.

דו ליגסט פאַרקלעמט אין צער, אין שלומער,
דיין ווייסער קאָפּ אַ קרוין פאַרשנייט.
נאָר אייביק רופט דער דיכטער־מאַנער,
פון אייביקייט צו אייביקייט.

זאָל אין נאַכט מיין שטילסטע תפילה,
צו גאָט דערגרייכן אין דיין שלאָף.
נעם די טרערן מיינע, שטילע,
ווי אַ באַלזאַם צו דיין גוף.

אויפן פרץ־סקווער

ב. לאַפּין

אויפן פרץ־סקווער געווען איז באַשערט,
אַ יידישער דיכטער געהייליקט די ערד.

אויפן גאַס אין אַ טאָג הינטער הימל־דאַך
האָבן ווינטן פאַרנומען די יידישע שפּראַך.

פון קינדער־געזאַנג מיט יובל פון פאַנען,
האָבן גאַסן גערוישט מיט פּרצעס נאָמען.

פון יידיש אַמאָל וואָס האָט דאָ געקוואַלט,
זיך געקומען באַהעפטן מיט פּרץ־געשטאַלט.

פּרץ דעם פּאָעטער אויף ניו־יאָרקער סקווער,
מקבל־פּנים זיין איז מען געקומען אַהער.

דאָ אויף דער גאַס האָט דער יידישער אימיגראַנט
געהאָלפן בויען דאָס גאָלדענע לאַנד.

אַלטע מויערן מיט רויך און מיט שטויב,
אַ פּנים אַ שטראַליקס אין יעטוועדער שויב.

פון דעכער, פון פענצטער, דורך מענטשן באַוווינט,
האָבן פּנימער נייע מיט וווּנדער געשטוינט.

אין אַ ווינקל האָט געוויינט אַ יידישער פּאָעט:
— אַ פּרץ־סקווער מיר האָבן דערלעבט.

אויפן האַרץ אַ שווערקייט קלעמט מיך און קלעמט —
עס זאָל די גאַס ניט ווערן פון פאָלק אָפּגעפרעמדט.

עס זאָלן יינגערע דורות אונדזער יידיש אַרבן —
די ווערטער די לעצטע געזאָגט פאַר זיין שטאַרבן.

אבלים

איינער נאָך איינעם פאַרגאַנגען,
ליכטיקע דיכטער פון הויז.
עס לעבן זייערע געזאַנגען,
זיי ווערן זיך קיינמאָל ניט אויס.

אָט זיינען זיי ערשט דאָ געזעסן:
מנחם דער האַרציקער פריינד,
דער גוטער אברהם רייזין,
ראַבאָי מיט אויגן צעשיינט.

מאַניעוויטש מיט כישוף־פאַרבן,
וועלדער אויף לייוונט צעבליט.
ווער וועט אַ דור אַזאַ אַרבן
פון דיכטונג, פון יידישן ליד?

ראָלניק מיט שטילקייט און שווייגן,
שאַצקי מיט וויזהייט אין בליק.
ווי אַ שטורעם ברעכט בוימער און צווייגן —
זיי וועלן ניט קומען צוריק.

ווי אבלים די שכנים פאַרלאָזטע,
אין טרויער דאָס שלום עליכם־הויז.
דער פרילינג עפנט די קנאָספן
און בעכערס בליטן איצט אויס.

פרילינג וועט יעדן יאָר קומען,
ווער וועט פאַרהיילן דעם שניט?
שכנים געדענקט יעדן נאָמען —
פאַרשעמט ניט דאָס יידישע ליד.

פאַרשעם ניט מײַן ליד!

איך האָב דורך מײַנע גורל־יאָרן,
ווי זאַנג צו זאַנג מײַן ליד געפּאָרט,
אָפט דורך פּײַן מײַן שניט געשאָרן,
נאָר אָפּגעהיט מײַן ייִדיש וואָרט.

איך האָב געוועבט פון שטראַלן לידער,
פון הונגער אויסגעפלאָכטן ברויט,
פון שאָטנס אויפגעבויט מיר גיטער,
צו די הימלען אויפגעהויבן נויט.

איך האָב פון פראָסטע ערדענע געפּעסן,
אויסגעשליפן דינסטן ריינסטן גאָלד.
פון שפּיזן־דערנער בליאיקע ציפּרעסן
אין יאוש־טעג מיר אויסגעמאָלט.

איך האָב פון שטיינער געטרוימט פּאַלאַצן,
די ריינקייט פון אַ טרער אָפּגעהיט,
נאָר זע, מען דזשינגלט ווי פּאַיאַצן —
הפקר איז דאָס ייִדיש ליד.

איך האָב געשעפּט פון ריינע קוואַלן,
ווײַל וואָס קאָן ריינער זײַן ווי אַ ייִדיש האַרץ,
נאָר זע, מײַן ליד פון זון און שטראַלן
ווערט אָפט פאַרשעמט, פאַרשוואַרצט.

יידיש

וואָס זאָגט איר נביאות אַז יידיש וועט שטאַרבן,
אַז יידיש גייט אונטער, גייט אונטער...
יידיש לשון וועלן אייניקלעך אַרבן,
אַ דור אַ שיינער אַ געזונטער.

יידיש געאַדערט מיט באָבעס און זיידעס,
ס'איז יידיש געפעדעמט מיט דורות.
איר ניגון געהייליקט אין פלאַם פון עקדות,
מיט ליכט פון לייכטער מנורות.

ס'איז יידיש אין ניגון פון קינדערשן וויגל,
געזויגן מיט מילך פון דער מאַמען,
ס'האָט יידיש געברענט אויף פייעריקע פליגל
און איבערגעלעבט אַלע פלאַמען.

ניטאָ אַזאַ כוח יידיש צעשטערן,
די צונג פון יידיש פאַרשטומען.
יידיש געהייליקט דורך יידישע טרערן
וועט לויכטן ווי זיבן זונען.

ח

מיין טאָכטער חוה

אויך דו וועסט זיין איינע פון יענע,
די שענסטע און ביבלישסטע טעכטער.
דיין פאָלק וועסטו קיינמאָל פארשעמען,
דאָס יידישע פאָלק דאָס גערעכטע.

וועסט וועבן די גאָלדענע רינגען
אויף יידיש וואָס דו האָסט געלערנט,
אין דיר וועט מיין חלום אויסזינגען
אין דיר ליגט מיין פאָלק פארקערנט.

שטאָלץ זאָלסטו טראָגן דיין יחוס,
פון זיידעס און באָבעס מארטירער,
אויף ליכטיקע וועגן דיין שליחות
פון דבורה און רות דיינע פירער.

היינט צו דיין גראַדואירונג,
אזויפיל פרייד איז פאַראַנען,
דו ביסט, טאָכטער, מיין צירונג —
און איך דיין שטראַליקע מאַמע.

מיין טעכטערל קומט

ס׳איז בלוי דער טאָג, נישטאָ קיין ווינט.
ס׳איז ליכטיק מיר, עס קומט מיין קינד,
ווי בלויער ספּירט די לופט איז ריין —
מיין טעכטערל, טעכטערל קומט אַהיים.

ס׳איז גוט מיר גוט, עס זינגט די לופט,
אַ פויגל-מאַמע רופט און רופט,
איך ענטפער איר: אוי, פייגעלע שיין,
מיין טעכטערל, טעכטערל קומט אַהיים.

דאָס פעלד צעבליט מיט בלומען בלוי,
זיי עפנען אויף די אויגן טוי,
זיי פרייען זיך מיט בלויען חן:
מיין טעכטערל, טעכטערל קומט אַהיים.

די זון זי פלאַטערט מיט מיר מיט,
עס קומט אַהיים מיין הארץ, מיין גליד.
אַט וועל איך איר אַנטקעגן גיין,
מיין טעכטערל, טעכטערל קומט אַהיים.

זעכצן מוידן

זעכצן מוידן, זעכצן טעכטער,
טאַנצן אויס אַ האָרע.
מיט געזאַנג און מיט געלעכטער
זעכצן — קיין עין־הרע.

איינע שלאַנק, און איינע שלאַנקער,
איינע קורץ און בויגיק,
זעכצן מוידן מיט געזאַנגען,
שווארץ און בלויע־אויגיק.

זעכצן בחורים — שיינע יונגען,
אין העלע בלויע וועסטן,
אין מיין שטוב אַ וואַלד צעקלונגען
ווי פייגל אין די נעסטן.

און זיי פידלען, און זיי פייפלען —
אַ געמיש פון טענער;
און זיי צימבלען, און זיי פייקלען —
וועלכע איז דאָ שענער?

אַלע טעכטער זיינען שיינע —
זיי זינגען און זיי טאַנצן.
צווישן טעכטער איינע־מיינע:
אַ בלום אין בלומען־קראַנצן.

זעכצן מוידן אַז זיי טאַנצן,
קעפּלעך — קורץ געשאָרן,
אין די אויגן זונען־גלאַנצן —
זעכצן פרילינג־יאָרן.

און זיי שוועבן ווי אויף פליגל,
איז עס דען אַ חידוש?
מיינע פלעכט אריין אין ניגון —
מאַמע־לשון — יידיש.

אין מיין שטוב הילכט געלעכטער,
טעכטערלעך געבענטשטע.
צווישן זעכצן שיינע טעכטער —
מיינע איז די שענסטע...

וויין ניט, מיין טאָכטער

וויין ניט, מיין טאָכטער, מיין ליכטיקע,
איך האָב אַמאָל אויך ווי דו געוויינט.
דיינע טרערן כשרע, ציכטיקע,
זיי פינקלען בריליאַנטענערהייט.

דו האָסט געוואַנדערט ביינאַכט אין בענקשאַפט,
דיין קאָפּ געהויבן אַרויף צו די שטערן,
ווי די וועלט וואָלט געווען דיר אין ענגשאַפט —
דיין קול זאָל עמעץ דערהערן.

דו האָסט געזונגען אין שטילקייט אַ ניגון,
אין דיין שלאַנקייט געזען זיך שפּאַנען,
און אַלץ האָט אין מיר אויפגעשריגן,
ווי עס שרייט אויף דאָס האַרץ פון אַ מאַמען.

דו האָסט געזוכט דיין מזל־שטערן,
דיין שטערן איז ערגעץ פאַראַנען.
איך האָב זיך געשפּיגלט אין דיינע טרערן —
געפילט אויף מיין הויט דיינע פלאַמען.

ווען איך האָב ווי דו אויך געציטערט,
מיין האַרץ האָט געוויגט זיך אין צאַפּלען;
ווען איך האָב ווי דו אויך געביטערט,
געזען זיך אין דיינע שוואַרצאַפּלען...

פון ווייטן איך וואָלט געקאָנט שווערן,
דאָס שפּאַן איך אין דער נאַכט אַ פאַרטראַכטע,
הינטער אַ הימל פון פייעריקע שטערן —
אָ, מיין ליכטיקע טאָכטער, דערוואַכטע!

מיין כלה־טאָכטער

קום אַרויס, קום אַרויס, ליכטיקע זון,
באַגילד אַלע גאַסן און וועגן.
זוניקע שויבן, מיט פרייד צינדט זיך אָן,
מיט שטראַליקייט לויכט איר אַנטקעגן!

מיין טאָכטער, זי שפּאַנט אין אַטלאַס און זייד,
אין ווייסן שלייער — אַ טוליקע פּאַווע;
זי שפּאַנט פון מיין הויז מיט כלה־פרייד,
מיין איינציקע טאָכטער חוה.

ווי אַ פּרינצעסין ליכטיק און שלאַנק,
אין האַנט זי טראָגט די ביבל.
מוזיקאַנטן שפּילט אויף אַ געזאַנג:
אַ יידישן ניגון שפּיל, פידל!

טאַטע־מאַמע צו דער חופה זי פירן,
מחותנים שפּיגלט זיך אַלע,
מיינע טרערן ווי פּערל זי צירן —
אונדזער טאָכטער, די ליכטיקע כלה.

דו חתן, דו איידעלער ליבער,
מיין דורות־קייט וועט זי וועבן.
אונדזער טאָכטער מיר גיבן דיר איבער —
האַלט זי הייליק דיין גאַנצן לעבן.

איך פאַרבעט אייך, קדושים

איך פאַרבעט אייך צו דער שמחה טאַטע־מאַמע,
שוועסטער און הייליקע ברידער,
איר קדושים פאַרשניטן צוזאַמען —
אין זעקס מיליאָניקן קבר פאַרגלידערט.

עס וועט דער טיש זיין פאַר אייך געגרייט,
איך וועל זען יעדנס הייליק געזיכט,
און אַ טישטעך אין ווייסקייט געשפּרייט,
און מיין מאַמע וועט בענטשן די ליכט.

מאַמע, איך זע דיך ביי די חופּה־שטאַנגען,
דו לעבסט היינט אין דיין אייניקלס פרייד,
אין ניגון פון חתונה־קלאַנגען —
אין שלייער פון איר חופּה־קלייד.

די דורות גאָלדענע קייט
בלענדט אויף דיין אייניקלס האַנט.
דיין לעבן קיינמאָל פאַרגייט
און קייטלט אונדז אין זאַלבענאַנד.

מיין מאַמען

איך שפּין אויס אַ צירונג־שנור פאַר דיר,
פון אַלע מיינע טעג און יאָרן.
מאַמע מיינע, איך שפּיגל זיך אין דיר,
ווי זון אין אַ קוואַל אַ קלאָרן.

ווען מיין טאַכטער אין וועג זיך גרייט,
שטייט דיין פּנים איר צוקאָפּנס.
איך זאַמל אין דיינע רייד,
ווי זאַנגען גאָלדענע אין סנאָפּעס.

דיין יעדעס וואָרט אין מיר פאַרפלאַנצט,
דורך יאָרן רייפע, טיפער זיי באַנומען.
דאָס וואָס איך האָב נישט דערגאַנצט —
אין מיינע קינדער אַריינגעשפּונען.

דיין גוטסקייט, דיין שיינקייט פון דיין זיין,
אין מיינע אָדערן געפלאָסן —
האָב איך, ווי גוטן רויטן וויין,
אין כּלים גאָלדענע איבערגעגאָסן.

ווינדעלעך ווייסע

עס איז ניט אַ ליד פון בלומען און זאַנגען,
אַ ליכט פאַר מיין פענצטער איז היינט אויפגעגאַנגען,
אויף ווינטיקע פליגל — ווי אין אַ חלום אַ מעשה —
אַ מאַמע הענגט־אויף ווינדעלעך ווייסע.

ווי שנייאיקע פאַנען צעפלאַטערטע שווינגען,
אויף לופטיקע שטריק ווינדעלעך זינגען,
און ציען צום ווינט, ווי לופטיקע שוואַנען,
און טאַנצן די פרייד פון קינד און פון מאַמען.

ווי ווייסע זעגלען אויף ווינטיקע ימען,
ווינדעלעך ווייסע זיך וויגן צוזאַמען,
צום ריטעם פון ווינט ווינדעלעך פלאַפלען,
און בויכן זיך אויף אין ווינטיקן צאַפלען.

און זינגען אין לופטן אַ פריידיקן ניגון,
און רוישן אין פראָסט, און ווערן אַנטשוויגן.
פאַרשיכורט פון זון זיי ווערן אַנטשלאָפן,
זיך שפּעטער צו טוליען צום קינדישן גופל...

דאָס קול אין די הימלען

איך בין דאָס קול און וועק די שטערן אויף.
איך ווער אַליין אַ שטערן אין גאָטס-לויף,
דאָס קול וואָס שוועבט און ווערט ניט שטום —
דורך אַלע אייביקייטן איך וואָגל אום...
איך וועק יאָרהונדערטער פון שלאָף,
איך בין דאָס קול פון הימלען, און איך רוף!

אָ, הערט מיך וועלטן, הערט מיין קול,
דאָס רעד איך איצט פון רוים צום טאָל,
דאָס קול פון דונער און פון בליץ,
דאָס קול דורך דורות איינגעקריצט.
איך מענטש דערנענטער זיך צו גאָטס באַשאַף —
איך שלים מיט לבנה תקיעת-כף.

איך בין דאָס קול וואָס רופט און העלט,
און קרייז אַרום די גאַנצע וועלט,
לבנה גיסט מיך אָפּ מיט איר שיין
און לאָזט מיך ניט צו איר אַריין.
זי קוקט אַראָפּ און לאַכט מיך אויס,
איך מענטש בין קליין, און זי איז גרויס.

ט

אין ליכט פון דורות

אין אָנדענק חנה דוהל־לעחין

אין ליכט פון דורות — דורך פרייד און פיינען,
ווי די מאַמע חנה מיט די זיבן זין,
וועט דיין נאָמען לויכטן, וועט דיין אָנדענק שיינען,
ביז מיר וועלן קומען צום ליכטיקן באַגין.

פון דיין היימשטאָט טשאַרטקאָוו ביז די בערג פון ציון,
פונעם וויגל ביזן קבר — בלויז איין שפּאַן.
נאָר דיינע מעשים ווי רינגען גאָלדענע זיך ציען,
און רינגלען זיך מיט די אָבות פון מיין שטאַם.

פון די פרומע באָבעס אין די פרעמדע שייטלען,
פון זייערע אויגן גוטסקייט פליסט אין דיין געביין,
איך וועל דיין ליבשאַפט אין מיינע לידער קייטלען —
אין ליכט פון דורות איינרינגלען דיין זיין.

ניט אין צער פון טרויער, ניט אין טויט פון קברים,
ווו מענטש מיט ערד אין אייביקן פאַרגיין.
— פון דער מוטער חנה, ביז דיין זיידן אורן
אין ליכט פון דורות רינגלסטו זיך איין...

חנהלע, גיי ניט פון מיר אַוועק

הנהלע, אוי, חנהלע,
גיי ניט פון מיר אַוועק,
נעם מיין אָטעם, חנהלע,
דיר פֿאַרלענגערן די טעג.

אוי, חנהלע, וויי איז מיר,
פֿאַרוואָס קומט דיר אַזאַ שטראָף?
איך וויל מיין אָטעם געבן דיר,
איך היט דיך אין דיין שלאָף.

איך וועל ברענגען דיר ווייסן שניי,
ערשט געפֿאַלן קלאָר און ריין,
קילן דיר דיין שטערן־וויי,
הערסט ניט מיין געוויין?

איך וועל ברענגען דיר אַ שנירל אייז,
קילן דיינע הענט.
וויי איז מיר, מינוטנווייז —
איך זע ווי ווערסט פֿאַרברענט.

דו ראַנגלסט זיך אין טויטנשלאָף,
ווי אַ שווימערין אין שווים.
חנהלע, רוף מיך, רוף,
מיט דיין קלינגענדיקער שטים!

עס שאַלט דיין געלעכטער

עס שאַלט דיין געלעכטער ווי אַ גלאָק אינעם וואַלד,
עס לאַכן מיט דיר אַלע ווייטן.
מיט פרייד און געזונטשאַפט דיין געלעכטער צעשאַלט,
עס וועט שאַלן אין אייביקייטן.

אַ לויב צו דער וועלט וואָס גיט פרייד און גיט ליכט,
און מענטש איז אַ טייל פון געביטער,
מיט דיין פריידיק געלעכטער און אָפן געזיכט —
ניטאָ איז קיין טויט און קיין שניטער.

אַ לעבן אַ פולס, אַ לעבן אַ גאַנץ,
אין גאָרטן פון פריידיקע קלאַנגען;
אנטקעגן שטורעם, אַזוי ווי אין טאַנץ,
ביסטו אין לעבן געגאַנגען.

אַזוי ווי אַ כּלה

זי ליגט אַזוי ווי אַ כּלה
אין בעט פֿון ווייסן שפּיטאָל,
ביי איר בעט מיר היטן זי אַלע
עס גוססט איר קול.

אַרום בעט אַ גאָרטן מיט בלומען
זי אָטעמט פֿון זויערשטאָף־טאַנק,
מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען,
איר פּנים ליכטיקט און צאַנקט.

זי ליגט אַזוי ווי אַ כּלה,
זי קוקט צום שנייאיקן דרויסן,
ביי איר בעט מיר היטן זי אַלע
די בלויע אויגן זיי גוססן.

דער בוים האָט נאָך דיר געוויינט

אויפן בית-עולם, אנטקעגן הימל,
האָט אַ בוים געיאָמערט מיט זיינע צווייגן,
ער האָט געבעטן אַלע ווינטן,
און אויף אַ קול גערופן,
דער בוים האָט געיאָמערט אין זיין שווייגן.

דער שניי האָט זיך געוואָרפן,
ווי אַ ווייסע חיה אין געוויטער,
און געפלויגן צו די הימלען;
און געיאָמערט האָט דער דרויסן,
און געוואָרפן מיך אין ציטער.

אַלץ האָט נאָך דיר געוויינט,
דער בוים, די ערד אין וויים געהילט —
אין שנייאיקן געפלאָנטער פונעם ווינטער.
און דו, חנהלע, ביסט געלעגן איינגעשטילט
אין אייביקייט פאַרשטילטער.

נעבן יוסף ראָלניקס מצבה

איך לאָז דיך איבער, הנהלע,
אין שטילעניש, אין אייביקייט,
יוסף ראָלניק דער פּאָעט
רוט ניט ווייט פון דיר.
מיין חנהלע, מיין ליכטיקייט,
איך לאָז דיך דאָ אַליין.
זיין יידיש ליד,
זיין אייביק ליד,
וועט זינגען איבער דיר.
מיין חנהלע, מיין ליכטיקייט,
איך לאָז דיך דאָ אַליין.
אַ יידיש ליד,
אַ הייליק ליד,
וועט היטן דיין געביין;
אַ יידיש ליד,
אַ הייליק ליד,
וועט זינגען אין געהיים,
וועט זינגען אין געהיים...

אויף די בערג פון שטילקייט

אויף די בערג פון שטילקייט הענגען נעצן מיט רויך,
איך זע דיך דאָרט שוועבן אין גרויקייט פון רויך.

איך זע דיך דורך פינצטער, איך זע דיך דורך ליכט,
אויף די בערג פון שטילקייט שוועבט דיין געזיכט.

אַ קלייד פון גוטסקייט אויף זיך אָנגעטאָן,
שוועבסטו אוועק צו דער אייביקער זון.

איך גיי דיר אַנטקעגן ווען זון שיילט זיך אויס,
עס טאַנצן צוויי זונען פון מיינע אויגן אַרויס.

אויף די בערג פון שטילקייט אין ליכטיקן שווייגן,
— חנהלע, חנהלע — רוישן די צווייגן.

דיין פוכן איבערבעט

איך ליג צוגעדעקט
מיט דיין פוכן איבערבעט
וואָס האָסט פאַר מיר געמאַכט.
איך זע דיין פרישן גרוב,
פאַרדעקט מיט שניי
אין דער קאַלטער נאַכט.

ווי אַ נאַכטוואַנדלערין
וואָס ווייסט נישט ווו זי גייט —
בין איך אַרויס פון שטוב.
איבער מיר עס שנייט.
איך שטיי פאַרלוירן ווי אַ קינד,
עס שרעקט דער ווינטער־וואַלד,
עס שרייט אין נאַכט דער ווינט:
חנהלען איז קאַלט!

איך כאַפּ דיין פוכן איבערבעט.
ווי נאָך אַ ווייטן רוף,
איך וויל לויפן צו דיין גרוב
איינדעקן דיין גוף...
איך נעם אַרום דאָס איבערבעט,
ווער אַ קנויל אַליין.
פאַרנעם מיין צער, מיין געבעט —
גאָט, פאַרנעם דו מיין געוויין!

ניט קלאָג!

ערשטער טאָג פרילינג.
ווי נאָכן מבול האָט אַ פייגעלע
אַנגעקלאַפּט אין פענצטער,
און געבראַכט אַ קערנדל פון ערד.
ס'איז פרילינג!
און דו, חנהלע,
קאָנסט ניט אָפּהילן דעם בארג פון ערד,
קאָנסט ניט אָפּוואַרפן די פיר אײלן ווענט
און אויסשטרעקן די הענט,
צום פרילינג פון דער וועלט,
צום ערשטן פרילינג-שטראַל,
צום ערשטן נאַכטיגאַל,
וואָס זינגט איבער אײביק דאָס ליד —
פון פרילינג און פון זײן...
ווי פון טיפן שלאָף
הער איך, חנהלע, דײן רוף,
הייסט מיר, דעם ערשטן פרילינג-טאָג
אַנטקעגנגײן.
פון דײנע פיר אײלן ווענט,
שפּאַרסטו אונטער מיר די הענט,
ווי מײן מאַמע קעגן מײנע ערשטע טריט,
איך זאָל ניט פאַלן אינדערמיט,
און שאַלסט אַרײן מיט דײן קול:
ניט קלאָג! ניט קלאָג!
זינג אױס דעם ערשטן פרילינג-טאָג!

דיין פּאָרטרעט

די קוקסט אויף מיר פון בילד אַראָפּ,
אין שטילקייט פון דער וואַנט.
אַ שנירל טרערן ריזלט אָפּ,
עס ציטערט אויף דיין האַנט.

מיר דאַכט, דו שפּאַנסט אַרויס
פון דער ראַם פון בילד,
רירסט אָן די חפצים אין דיין הויז,
וואָס ליגן שטום פאַרשטילט.

ווילסט אַ רוף טאָן אויף אַ קול,
ווי אויף דער בינע אין אַ שפּיל.
אין דיין שיינקייט פון אַמאָל —
וואָס זשע שווייגסטו שטיל?

דו קוקסט צו מיר פון בילד אַראָפּ,
מיר דאַכט זיך, אַז דו וויינסט;
ווי פון דער בינע דו גייסט אָפּ,
דו קוקסט צו מיר און שווייגסט...

אין טרויער

גאָט, פאַרפּאַנצער מיין האַרץ מיט גבורה,
זע, ווי געשלאָגן איך בין.
טרינק מיך אָן מיט אַ ליכטיקער בשורה,
ווי די ערד מיט פרישן טוי אין באַגין.

איך גיי אַרום אין דיין שיינקייט פאַרטרויערט
ווי אַ שלייער באַדעקט מיך דיין שניי.
אין דער שנייאיקער ווייסקייט פאַרמויערט
ליגן גאַסן אין ווינטער־געשפריי.

איך האָב געזונגען אַזוי ווי אַ פויגל,
מיין קול צו זוניקע הימלען אויף בערג;
איך בין געפלויגן, געפלויגן, געפלויגן,
צו דיין הויכקייט דערגרייכן מיין ווערק.

איך האָב געשעפּט פון לויטערע קוואַלן,
עס גרילצן די גרילן און צווערג,
ווער דאַרף לידער פון נאַכטיגאַלן
וואָס זינגען צו בלויקייט פון בערג?...

גאָט, הייב מיך אויף פון דער נידער,
אויף אַ שטראַל פון אַ זוניקן באַנד,
ווי שומרים שטעל אוים מיינע לידער —
איך זאָל גיין מיט זיי האַנט אין האַנט.

ווי אַ כלה מיט קראַנצן מיידלעך —
לידער, באַגלייט מיך אין גאַנג.
שפּאַנט מיט מיר מיין וועג אומפאַרמיידלעך —
צו דער חופּה פון אייביק געזאַנג.

שוויגן

עפן אויף זיך, הארץ, פון דיין שוויגן,
ביסט פארשלאסן אזוי ווי א שטיין.
שווייגסט מיט שטומקייט פון בוימער און צווייגן,
מיט דער שפראך וואס רעדט אין געהיים.

די שפראך פון שטילקייט, פון בלומען
וואס עפנען זיך פאר א מארגן-שטראל,
די שפראך פון בינען וואס זשומען
ביים מויל פון בלומיקן קוואל.

עפן אויף זיך, הארץ, ווי א מילגרוים,
טרינק זיך אן מיט שיינקייט פון זיין.
אזוי ווי אין פרילינג א בלי-בוים —
זינג ארויס ווי פון טרויבן דער ווייַן!

די ייִדישע פֿאָן

ווער האָט זי גענייט די ייִדישע פֿאָן?
אַ ייִדישע טאָכטער ביים אויפגאַנג פון זון,
אַ באָבע מיט אויגן, ווי בעכערס צוויי פול,
געבעטן צו גאָט ביים שוועל פון אַ שול.

ווער האָט אין איר די בלויקייט געוועבט,
דעם הימל און שניי אין איר איינגעשטעפּט? —
טעכטער און זין, געגאַנגען ביינאַנד
אויף קידוש השם, מיט דער פֿאָן אין דער האַנט.

ווער איז געגאַנגען מיט איר דעם לעצטן גאַנג,
ווי אַ קרוין זי געטראָגן מיט תהילים־געזאַנג? —
זי איז ניצול געבליבן דורך פייער און פלאַם —
די ייִדישע פֿאָן פון מיין פאָלק, פון מיין שטאַם.

ווער האָט זי צו שומרים אין נגב געבראַכט? —
דורך גזרות פארפלאַנצט, דורך פינצטערער נאַכט,
שיפן וואָס קומען פון גלות, פון פרעמד —
די ייִדישע פֿאָן ליכטיקט און בלענדט.

ווער האָט זי גענייט די פֿאָן פון מיין האַנט? —
מען האָט זי געבראַכט אין גאָלדענעם לאַנד!
די ייִדישע פֿאָן, געהייליקט דורך בראַנד,
איך האָב זוכה געווען זי צו טראָגן אין האַנט.

צו אַ זינגער אין ישראל

דו פֿאַרסט אין לאַנד פֿון די אבות,
איך פֿלאַטער צו דער יידישער היים.
דו לאָזסט הינטער זיך דעם גלות —
עס שאָלט מיט געזאַנג דיין געביין!

נעם מיט מיין חלום, דו זינגער,
העלדישער זון פֿון מיין שטאַם.
מיט גבורה פֿון ערלעכע פֿינגער,
שמיד איין מיין פֿונק אין דיין פֿלאַם.

נעם מיך מיט צו די פֿעלדזיקע שטיינער,
נעם מיך מיט צום אוראַלטן קוואַל.
דורך דיין מויל פֿון שטראַליקע ציינער,
מיין פֿרייד אין דיין ניגון צעשאַל!

נעם מיך מיט צו די בערג פֿון יהודה,
צו די טאָלן מיט רינדער אין פֿעלד,
צום פֿאַסטעך וואָס שפּילט אויף זיין דודע —
זאָל קלינגען מיין ליד אין זיין געצעלט.

נעם מיך מיט צו די הייליקע ערטער,
מיט מיין אָטעם ריר אָן יעדן שטיין.
דער חלום דורך דורות באַגערטער,
איך זע אין לעבן אויפֿגיין.

צעשאָל דיין געזאַנג איבער ווייטן,
זאָג אָן די בויער מיין פרייד,
צו די בערג פון אייביקייטן —
זאָל רופן מיין ליד ווי א פּלייט.

א טאָכטער וואָס בענקט צו איר מאַמען,
באַטרעטן די הייליקע ערד,
א, ברענג מיין חלום דורך ימען —
מיין קול זאָל ווערן דערהערט!

שומרים פאַר ישראל

אויף פּראַסטיקע פליגל איך טראָג זיך אויף באַנען,
איך פלי ווי אַן אָדלער — איך זאָל נישט פאַרזאַמען,
איך פלי דורך די גאַסן, הייזער און טירן,
אין דער שעה פון געפאַר קיין צייט נישט פאַרלירן,
עס שאַלט אין מיין בלוט מכבייער־גבורה,
איך ברענג אייך צו טראָגן אַ ליכטיקע בשורה,
פאַרן לאַנד ישראל מיין הארץ אין געציטער —
זייט איצט די בויער, זייט איצט די היטער!

איך קלאַפּ אין אַ טיר, עס ענטפערט נישט קיינער,
נאָר פלוצלינג וואַקסט אויס אַן אַלטיטשקע זקנה,
די אַלטינקע באָבע רופט אַריין מיך אין חדר,
און רעדט צו מיר מאַמיש, באַשווערט מיט אַ נדר —
די אויגן געווענדט צום הימל דערשראָקן,
און שלעפּט איר פאַרמעגן אַרויס פון די זאָקן,
און קוקט אויף דער טיר, דער שלאָס אויפן ריגל —
און בעט: זי וויל קויפן פאַר ישראל אַ ציגל...

דאָס געלט פון דער זקנה מיט שוויים דורכגעגעסן,
און זי דאַנקט מיר, און דאַנקט: איך האָב נישט פאַרגעסן,
איר אָרעמע טיר נישט פאַרשעמט אין מיין שליחות.
דאָס געלט פאַר ישראל — עס טראָגט דאָך אַ יחוס —
זי האָט עס געשפּאָרט, עס הייליק געהאַלטן,
פאַר איר לעצטן גאַנג זי האָט עס באַהאַלטן...
פאַר אַ שטיין אויף איר קבר, נאָר איצט איז אַ פייער —
פאַר מדינת ישראל אַ ציגל צושטייער.

ישראל מיין לאנד, זע דיינע בויער;
אַן אַלטינקע זקנה אין איינזאַמען טרויער,
אַ ייד אויף אַ פעלד, אין פאַרוואָרפענע שטיבער —
זיי זענען די שומרים, זיי זענען די היטער.
אַ בעקער, אַ פישער, אַ דאָקטאָר, אַ פאַרבער,
אַ סטאָליער, אַ שניידער, אַ פרעסער, אַ גאַרבער,
אין יידישע אויגן אַ הייליקער פייער —
יעדער אַ זון פון מיין פאָלק אַ געטרייער...

אויף פליגל פון ווינט איך שוועב דורך די וועגן,
דיין ליכט ישראל לויכט מיר אַנטקעגן.
ווען אויף דיין הימל הענגט אַ פינצטערער וואָלקן,
ווי דער ים וואָלט זיך אין צווייען געשפּאָלטן.
און שלאָגט מען דיין ברעג — ווערן מיר אויך געשלאָגן,
די ציגל די שווערע מיר העלפן דיר טראָגן.
יידן מיט בערד, יונגע און אַלטע,
מיר שיצן די זיילן מיט פינגער צעשטראַלטע.

איך שוועב איצט אַוועק ווי אַן אָדלער דורך הויכן,
איך זע אין מיין דמיון פאַבריקן מיט רויכן;
איך זע ווי דער נגב צעצונדן מיט ליכטער,
אין פינצטערניש לויכטן מכבייער-געזיכטער,
ווי חנוכה-ליכט אין מדבר צעפלאַקערט,
די שטיינערנע פעלדזן אין פאַסן צעאַקערט,
און קינדערלעך טאַנצן מיט הויטן פאַרברוינטע,
און הייזער אין נגב מיט יידן באַוווינטע.

און אזוי ווי דאָס זאַמד, און אזוי ווי די שטערן,
קינדער ישׂראלס זיך מערן און מערן,
און ביימער נייע זיי פלאַנצן און פלאַנצן,
און וואַסער־שלייערן פינקלען און טאַנצן,
און גערטנער גרינען אויף בערג פון דורות,
מאַראַנצן ווי זונען אויף צווייגן־מנורות.
די שומרים זיי היטן מיט ליכטיקע אויגן
און גאַרטלען ישׂראל ווי אַ רעגנבויגן...

צוועלף מאַראַנצן

ז. כײטמאַן אַ מתּנה

צוועלף מאַראַנצן ווי די זונען
פֿון ישׂראל אָנגעקומען.

מיטגעבראַכט די זיסע ריחות
פֿון ישׂראלס רײַפֿע פּירות.

און פֿאַרשמעקט מײַן שטוב מיט בשׂמים
פֿון פֿײַגן, טײטלען, האָניק-בלומען.

צוועלף מאַראַנצן ווי די זונען,
מיט גאָלד פֿון אײביקײט פֿאַרשפּונען.

עס האָט אַמאָל די מוטער רחל
ביים קוואַל פֿאַרפֿלאַנצט זיי מיט בטחון.

די קערנער מיטן ווינט צעשאָטן
און צעזייט זיי צווישן די צוועלף שבֿטים.

איך האָב געקושט זיי, נישט פֿאַרגונען
צו פֿאַרזוכן אויף מײַן גומען.

איך וואָלט זיי ערגעץ דאָ פֿאַרפֿלאַנצן
אַ ישׂראל-גאָרטן פֿון מאַראַנצן.

רחל׳ס קערנער ווייטער שפּינען
אײביק זאָל איר חלום גרינען.

דורות אייניקלעך אין פֿריידן
זאָלן פֿילן טעם גן-עדן...

אַ זעקעלע ערד

אַ זעקעלע ערד אין מיין הויז,
געבראַכט פון יידישן לאַנד.
ווי גאָלד־שטויב שפּריים איך עס אויס —
ישראל׳ס ערד אין מיין האַנט.

רחל׳ס טרערן פאַרקווילט,
פינקלען אַרויס פון דער ערד;
דורות ליידן פאַרגרווילט —
פון יידישן חלום באַשווערט.

ס׳איז מיין זיידנס חלום געווען,
אַ זעקעלע ערד פאַר זיין גרוב.
איך האָב זוכה געווען צו זען
מיין זיידנס חלום אין שטוב...

פון זאַמדיקן מדבר און ווינט,
פון פלאַמיקע זונען פאַרברענט,
מיין זיידנס חלום זיך צינדט —
אין זיין אייניקלס פריידיקע הענט.

איך זע אין דער ערד נישט קיין טויט,
נאָר לעבן אין שטויבעלעך גליט,
מיט פעלדער פון זאַטקייט און ברויט —
פאַר מיין פאָלק אין רחבות צעבליט...

זיידעס, מיינע זיידעס

זיידעס מיינע ליכטיקע, דורך אוראַלטע דורות,
אין אייערע טריט די ערלעכע בין איך געגאַנגען.
איר האָט געהיט מיך מיט הייליקע ספר־תורות —
אייער ניגון פליסט אין מיינע יידישע געזאַנגען.

אויף אַלע גלות־עולמ׳ס רוען אייערע קברים,
אייער קדושה ביז די הימלען הויך דערהויבן;
אייער מאַרטירער־קיום דורך דורות־יאָרן,
מיט יידישן בטחון און מיט גלויבן.

זיידעס מיינע ליכטיקע מיט די בערד און פאות,
מיט די ציציקס אין בית־המדרש שטובן,
מיט דאגות און מיט צרות אין די מאות —
ווו רשעים האָבן זיך אין אייער צער געגראָבן.

איך זע אייך, זיידעס, אויף אַלע מיינע וועגן,
איך הער דעם ניגון פון טשאָרטקאָווער חסידים,
וווּ איך גיי, זינגט איר מיר אַנטקעגן
זיידעס מיינע ליכטיקע, שטראַלנדיקע יידן...

די סוכה

אין גרויסן ניו־יאָרק, צווישן ריזיקע טויערן,
דורך לאַנגע קאָרידאָרן און שטאָלענע מויערן,
דאָרט אינעם טעמפּל „בני ישורון"
שטייט אַ סוכה ווי אין ביבלישע יאָרן.

ווער עס באַטרעט די סוכה די גרינע,
ווי מען וואָלט באַטראָטן ישראלס מדינה —
מיט צעדער, אתרוגים די ווענט באַהאַנגען,
ווי אין גאָרטן פון גן־עדן געגאַנגען.

סכך פון די גערטנער דורך אבות אוראַלטע,
מאַראַנצן־לבנות — אתרוגים צעשטראַלטע,
באָקסער און טייטלען, בינטלעך מיט טרויבן —
פון אַלע מיני פּירות אין בונטן צו קלויבן.

מיר זיינען אַלע אין סוכה אַרום טיש געזעסן,
פון ישראלס גערטנער די אויבסטן געגעסן,
ווי אַמאָל אין מדבר — דורות יידן פאַרשניטן
וואָלטן מיט אונדז געזעסן אינמיטן.

מיין מאַמע אויף קידוש השם אומגעקומען,
ווי איך וואָלט איר בת־קול אין סוכה פאַרנומען.
אויף דער וואַנט האָט געלויכטן שדי'ס נאָמען,
און איך האָב אין שטילקייט געענטפערט: אמן.

צום אויפגאַנג פון נגב

ברענג מיך, מיין חלום, דורך שטורעם־געוויטער,
צום ברעג פון ישראל, מיין הארץ אין געציטער,
צום טאָל פון כנרת, ווו עס רוישן די קוואַלן,
צום זאַמדיקן מדבר, ווו עס וואָיען שאַקאַלן.
טויבן, איר ווייסע, פליט צו די צעדער,
באַפליגלט די פּאַלמעס, גערטנער און סעדער.
קרייזט דאָרט אַרום, צעוויכערט מיין חלום,
די בערג און טאָלן — גיט זיי אָפּ שלום!
די העלדישע יידן וואָס האָבן געשפּונען
דאָס זאַמד פון מדבר אין גאָלד פון זונען,
וואָס האָבן דאָס זאַלץ פאַרוואַנדלט אין טרויבן,
וואָס האָבן פון אַש מיין פאָלק אויפגעהויבן.

איך שיק דיר פּאַרוויס שליחים מיט פליגל,
ברענג דאָרט צום ברעג מיין יידישן ניגון.
בינען מיליאַרדן, פאַרוויס פליט אין זשומען,
ברענגט דאָרט דעם האָניק פון וואַלדיקע בלומען,
צום עמק ווו פּאַסטעך זיין פלייט האָט צעזונגען,
ווו עס ציטערט די האַרף פון דוד צעקלונגען,
ווו ערד ליגט פאַרשטיינערט פון דורות מיט קאָרבן,
ווו רות האָט געבונדן די זאַנגען אין גאַרבן,
ווו דבורה צעשאַלט דאָס ליד פון די לידער,
ווו עמוסעס קול געשטראָפט די געביטער,
ווו משה צעפלאַמט איבער בערג די געבאָטן,
הימל מיט מן אויף מיין פאָלק האָט געשאָטן.

פייגל אין טשאַטעס, צעוויט אייערע פליגלען,
מיין חלום צעזינגט איבער בערגיקע היגלען,

פלי, בלוי־אָדלער צו די מדבר־געצעלטן,
העכער פון וואָלקנס איבער בערגיקע פעלדזן,
זאָג אָן מיין חלום יעדן שטיינדל באַזונדער —
אויף חורבות גייט אויף אַ נייער יאָרהונדערט.
אַ מענטשהייט גייט אויף אין אייגענעם פורעם
זאַנגען זיך וויגן אויף פליגל פון שטורעם.
געבענטשט זייט, איר בויער, געבענטשט זייט איר זינגער,
איר זייעט און אַקערט מיט מאָזאָליעטע פינגער,
צום אויפגאַנג פון נגב, אין לאַנד פון נצחון:
פאָרויס פלי, מיין ליד, שטאַרק זייער בטחון!

הער, ישראל!

הער, ישראל, מיין יידיש לאַנד,
אונדזער האַרץ־קלאַפּ אין דיינע הימלען שאַלן,
דיינע שומרים — אַ מענטשן וואַנט,
וועלן קיינמאָל דיך ניט לאָזן פאַלן.

הער, ישראל, ווי דער טראַקטאָר שניידט,
בויערט די פעלדזן מיט די שאַרפע ציינער.
די אייניקלעך פון אונדזער נייער צייט,
זיינען עולה־רגל צו דיינע אַלטע שטיינער.

הער, ישראל, אינעם נגב־זאַמד,
אין יעדן זעמדל זידן מיינע טרערן,
דיינע שומרים היטן איצט דיין לאַנד
מיט אויגן ליכטיקע ווי שטערן.

הער, ישראל, ווי אַ וואַסער קוואַלט,
אינעם נגב נעמט זיך אָן אַ זוימען.
צווישן יעדן שטיין און פעלדזן־שפּאַלט
גרינען דאָרטן מיינע טרוימען.

דער באַרג פון נצחון

די קעמפער אין סיני

אַט בויכט זיך דער באַרג דורך דורות פאַרשאָטן,
דורך תוהו ובוהו פון משה׳ן באטראָטן,
די בליצן פאַרגליווערט אין אוראַלטע שפּאַלטן,
אין פעלדזיקע שיכטן פאַרשטיינערט געשטאַלטן,
אין זאַמדיקן מדבר פון זונען צעגליטע,
צו אוראַלטע ציטן די פעלדזן געשמידטע.

אַט טויכט דער באַרג אַרויף פון די גרונטן,
דאָ האָט זיך גאָטס קול דורך משה׳ן געצונדן,
דורך פייער און פלאַם, דורך נאַכטיקע בליצן,
אויפן שפּיץ פון בערג די געבאָטן אויסקריצן.
זיין קול איז געווען דאָס קול פונעם דונער,
זיין שטים איבער בערג — דער אייביקער מאָנער!

די שטים שאַלט און רופט דורך טויזנטער יאָרן,
זי וועקט אויף די בערג פון פאַרשאָטענע קברים,
זי צינדט ווידער אָן דעם מדבר אין בליצן,
פון אייביקע שונאים מיין פאָלק צו באַשיצן.
אין פייער זיך קריצן די נייע געבאָטן,
ווען אונדזערע גבורים דעם סיני באַטראָטן.

עס פלאַמט דער סיני ווי אַמאָל אין פאַרצייטן,
די אוראַלטע אָבות די גבורים באַגלייטן,
הינטער ניגונים פון פריידיקע טרערן,
מיין פאָלק וועט אין קאַמף דאָס רשעות צעשטערן.
ווייל גאָט האָט געשוואוירן: ער וועט זיי באַשיצן,
הינטער פייער פון דונער, הינטער בייטשן פון בליצן.

דער מדבר-הימל — אַ פֿײַערדיקער פּאַנצער,
אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג אַ ייִד אַ צעטאַנצטער,
אַ פֿידל אין האַנט, אַ שווערד אין דער צווייטער —
דער אייביקער ייִד אויף אַ פֿײַערדיקער לייטער.
ער שפּילט אַ ניגון פֿון זיג און בטחון —
די זון ווי אַ שווערד — גלאַנצט מיט נצחון...

נעבן די אבות־געצעלטן

שטאָלענער אָדלער אויף ווינטן פון פליגל,
שנייד דורך די כמארעס אויף ימען.
פלי מיט דער שנעלקייט דורך ימיקן שפיגל —
ברענג מיך אַהיים צו מיין מאמען!

דער בעכער פון צער איז פול ביז די ברעגן,
די טרערן זיי פלייצן אריבער.
טראָג מיך דורך שטורעם, דונער און רעגן,
לאָז מיך אַראָפּ אין דער נידער...

שטעל מיך אַוועק אויפן בארג פון די זונען,
נעבן די אבות־געצעלטן,
זאָג אָן די בערג: איך בין אָנגעקומען
צום גאָלדענעם זאמד דעם צעהעלטן.

ווו אַמאָל איז געשטאַנען דבורה הנביאה —
איר ליכט איז קיינמאָל פארגאנגען.
איך, מלכה בת פריידע, זאָל האָבן די זכיה
זיך באַהעפטן מיט אירע געזאנגען...

דער קאָלאָסעום *

ציגל אויף ציגל,
טויער אויף טויער.
יידישע גבורה
אין יעטוועדער מויער.

גראַטעס אויף גראַטעס,
פענצטער אויף פענצטער,
יידישע שקלאַפן —
דורות געשפּענסטער.

זיילן אויף זיילן,
לעכער אויף לעכער,
פינצטערע היילן,
דעכער אויף דעכער.

ציגל אויף ציגל,
שטיינער אויף שטיינער,
ריגל אויף ריגל —
יידישע ביינער.

זיילן אויף זיילן,
רוימישע שונאים.
פיילן אויף פיילן,
צלמים אויף צלמים.

שטיגן אויף שטיגן,
שטיינער אויף שטיינער.

---

* 12 טויזנט יידן־שקלאַפן האָבן די רוימער געבראַכט פון ירושלים כדי צו בויען דעם קאָלאָסעום.

גבורים דאָ ליגן
פאַרמויערט אין שטיינער.

שורה נאָך שורה,
צוויי טויזנט יאָרן.
יידישע גבורה.
אין שטיינערנע קברים.

יידישע טרערן,
פאַרגליווערטע ביינער —
זיי וויינען, זיי וויינען
אַרום פון די שטיינער.

גראַטעס אויף גראַטעס,
היילן אויף היילן.
וועלפישע לאַפּעס
מיט גופים זיך טיילן.

שקלאַפן, איר קדושים,
צי קאַנט איר מיך הערן?
אַ יידישע טאָכטער
קושט אוים אייערע טרערן.

איך נעם אייער גבורה
מיין פאָלק צו באַנייען —
פון שטיינערנע קברים
אַהיים קיין ירושלים.

איבער די צלמים,
דורך רוימישע דעכער,
שוועבן די קדושים
העכער און העכער!

רוים, אָקטאָבער 1960, אויפן וועג קיין ישראל

איך בין געקומען אַהיים

די פּיאָנערן־פרויען אַ מתנה

איך בין געקומען אַהיים צו מיין פֿאָלק, מיינע שוועסטער,
מיט אייך צו בויען צוזאַמען,
איך האָב געוואָגלט אין אַ וועלט פון געשפּענסטער,
איך בין געקומען אַהיים צו מיין מאַמען.

איך האָב געוואַנדערט אַ לעבן דורך וועגן פֿאַרשידן,
אַ ליכטיקן מאָרגן געשפּונען.
מיט אייך, מיינע שוועסטער, אַ ייד צווישן יידן,
מיט אייך האָב איך זיך געפונען.

אין מיין גאַנג אין מיין שווערן געטראָגן אַ ניגון,
פֿאַר מיין פֿאָלק אַ טאָכטער געטרייע.
אָפּט האָט מען מיין לויטערן ניגון פאַרשריגן —
פרעמדע פעלקער באַפרייען...

עס רופט מיין שטאַם, עס איז פאַרעקשנט די ערד,
אין מדבר עס וויינען שאַקאַלן.
אייער גורל צו טיילן זאָל זיין מיר באַשערט —
צו טרינקען פון נביאישע קוואַלן.

מיט אייך צו שניידן צוזאַמען.
מיט אייך צו בויען, מיט אייך צו זייען,
דורות זיי קומען, דורות זיי גייען —
איך בין געקומען אַהיים צו מיין מאַמען...

דער טורעם

אויף די העכסטע פעלדזן, אויפן שפּיץ פון בארג,
שטייט א הויכער טורעם, פעלדזן-פעסט און שטאַרק.

זיינע ביינער — קיזל, גראַניט-שטיין — די ווענט,
אויפן קאָפּ א פאַקל אייביק לויכט און ברענט.

הירשן — זיינע קינדער, היות — זיינע געסט,
אָדלער אויף די אַקסל בויען זיך א נעסט.

בוימער — זיינע שומרים, וועלדער — זיינע קנעכט,
און דער פאַקל לויכט דורך שוואַרצע סאַמעט-נעכט.

פלאַקערט פייער-פאַקל, לויכט פון זיך אליין,
אייביקייט צינדט פלאַמען אין זיין לאַווע-שטיין.

אָפט לבנה-פּנים פול מיט זילבער-שיין
נאַרט צו זיך דאָס ליכט אין איר קרוין אריין.

און פון הימל שטערן, אין מעטעאָרן-שווונג,
צינדן אָן מיט פייער זיין ברענענדיקע צונג.

אויף די העכסטע פעלדזן א פלאַמענדיקער טורעם —
קעגן בליץ און פייער, קעגן נאַכט און שטורעם...

חנוכה־ליכט

אויף די בערג פון יהודה דורך צייטן אוראלט,
האָבן זיך חנוכה־ליכטער צעשטראַלט.

מנורות פון בראָנדז האָבן געפלאַמט
בערג מיט ליכט פון ראַנד צו ראַנד.

ליכטער מיט ליכטער זיך האָבן דערקענט
דער אייביקער סנה האָט אין סיני געברענט.

דאָס ליכט פון מכבייער דורך צוויי טויזנט יאָר,
און העלדישע זין פון היינטיקן דור.

און העכער פון בערג האָבן שטערן געבליצט,
מיט אויגן פון גאָט ישראל באַשיצט.

די בני־ישראל האָבן די ברכה געמאַכט
ביים חנוכה־נס — די ליכטער די אַכט...

אויפן הר ציון

אויפן הר ציון האָט מען שופר געבלאָזן,
זאַמל איין זיך, מיין פאָלק, אין דיין היים!
גאָט האָט געשווירן מיין פאָלק נישט פאַרלאָזן
זיי וועלן קומען פון אַלע ווינקלען צו גיין.

פון מזרח און מערב, פון צפון און דרום,
זיי וועלן עולה רגל זיין.
דורך טויט און דורך גזרות אַרויס פון די קברים —
זאַמל איין זיך, מיין פאָלק, זאַמל איין.

יחזקאל׳ס חלום איז מקוים געוואָרן
צוועלף שופרות די בשורה צעשאַלט.
מיין פאָלק איז געוואָרן ניי געבאָרן
מיט ליכטיקן גלויבן צעשטראַלט.

צום הר ציון מיין פאָלק איז געגאַנגען
מיט טריט פון נביאים באַנאַנד.
מיט ליכטיקע בשורות און הלל־געזאַנגען
זיי זענען געקומען אין אייגענעם לאַנד.

די הייליקע וואַנט

צום באַרג פון די הויכן, ווו זון איז צעפלאַמט,
איך קלעטער דורך שטיינער, איך קלעטער דורך זאַמד,
אַט דאָ האָבן יידן דורך דורות געשפּאַנט —
מיט טריט פון נביאים צו דער הייליקער וואַנט.

איך שטיי אויפן באַרג, איך שטרעק אויס די האַנט,
איך קאָן ניט דערגרייכן די הייליקע וואַנט.
ווען איך האָב דערגרייכט שוין דאָס הייליקע לאַנד —
מיט שטעכיקע דראָטן דער וועג איז פאַרצאַמט.

דורך דורות פון פּיין מיין פאָלק האָט געשפּאַנט,
דורך גלות פון טרויער צו דער הייליקער וואַנט.
די וואַנט לויכט צו מיר דורך גרענעץ אין טרויער,
מיט יידישער אחדות, מיט יידישן דויער.

אויף זאַמדיקע בערג אַ שיכט אויף אַ שיכט,
די וואַנט לויכט צו מיר מיט אייביקן ליכט.
דורך דורות געבעט, דורך דורות געוויין —
די הייליקע וואַנט וועט קיינמאָל פאַרגיין...

דער זיידע מיט די אייניקלעך

עס שלעפּט אַן אייזעלע זיך אויף די וועגן,
אַן אַלטער זיידע זיצט זיך אינעם וואָגן.
אַ כאַפּטע אייניקלעך לויפן אום דערנעבן
און דאָס אייזעלע וויל זיך גאָר ניט יאָגן.

לויפן קינדערלעך מיט פּיאהלעך געדרייטע,
יעדער טראָגט אַ נאָמען פון תנ"ך,
שוואַרצע קינדערלעך מיט הענטעלעך צעשפּרייטע
ּטרייען צו דעם אייזעלע: לעמאך!

דאָס אייזעלע שלעפּט זיך שטיל פּאַמעלעך,
אויפן וועגל — זעק מיט אָנגעשטאָפּטן זאַמד,
און דער זיידע זיצט זיך ווי אַ מלך —
ווער דאַרף זיך איילן אין אַן אייגן לאַנד?

די כאַפּטע קינדער מיט די שוואַרצע לאָקן,
זיי שטופּן אונטער דאָס וועגל אינעם זאַמד,
די תימנער יינגעלעך אין ווייסע זאָקן —
ווי פּרינצן יידישע אין הייליק לאַנד.

דער זיידעלע: וואָס האָבן זיי קיין צייט ניט?
איך שלעפּ זיך שוין אַזוי צוויי טויזנט יאָר,
די אייניקלעך: עס איז דאָך איצט קיין רייד ניט —
צו העלפן גיכער דעם געבענטשטן דור...

עס שלעפּט אַן אייזעלע זיך אויף די וועגן,
דער זיידע מיט די אייניקלעך באַנאַנד,
זיי פירן זאַמד צו די זומפּן-ברעגן
און העלפן אַלע בויען דאָס יידיש לאַנד...

חיפה, 3 נאָוו. 1960

ירושלים

אַ מתנה רחל ינאית־בן צבי

אַ געזאַנג צו דיר, מאַמע־שטאָט ירושלים!
מיט שירה וועלן דיינע טויערן זיך באַנייען.
מרים׳ס טעכטער מיט פלייטן און מיט צימבלען
וועלן אויסשאַלן פרייד צו דיינע הימלען.

פון טאָל און בערג וועלן אויסשאַלן צו דיר געזאַנגען,
דורך צוויי טויזנט יאָר מיין פאָלק איז אויפגעגאַנגען.
יעקב׳ס קינדער וועלן צו דיר, ירושלים —
טרינקען פון דיין אַלטן כוס לחיים.

פון פעלדער וועלן קומען שניטער־יונגען,
פאַסטעכער מיט שעפסן פון די בערג צעשפּרונגען,
מיט יונגער גבורה דיין אַלטקייט צו באַנייען,
מיט געזאַנג צו דיינע טויערן, ירושלים.

אויף קעמלען — יונגע פאַרלעך מיט די לירעס,
האָרבן אָנגעלאָדן מיט רחבות און עשירות.
יעקב׳ס לייטער אויפשטראַלן וועט ווידער —
אַ געזאַנג פאַר דורות מיינע ברידער.

פון דער ווייטער ווייט, פון מיינע דלת־אמות,
דאָס אויסגעבענקטע ליד פון אַלע מאַמעס —
דאָרט ווו רחל׳ס קבר, ווו חנה סענעשס חלום,
רוף איך צו דיר, און גיב דיר שלום!

צו דיינע טויערן פון קאַמפן און פון זיגן,
שיק איך דיר מיין אויסגעבענקטן ניגון.

דיין אלטשטאט זאָל מיט יובל זיך באַנייען,
פון חורבן און פון טרויער זיך באַפרייען.

ביי דיינע חורבות פון שטיינער און פון שטויבן,
בויט מיין פאָלק מיט נייעם גלויבן.
פון דאָרשט און הונגער ניט געבראָכן —
אַ געזאַנג צו דיר פון ליכטיקן נצחון!

דאָס ליכט פון ישראל

האָסטו געזען אַ בוים אין דער אייביקייט?
אַ בוים צום הימל זיך ציט,
און אויף דעם בוים פון דער אייביקייט —
דער חלום פון מיין פאָלק צעבליט.

האָסטו געזען אַ שטיין אין דער אייביקייט?
אַ שטיין אַזוי גרויס ווי די וועלט,
אין שטיין פון דער אייביקייט —
דאָס ליכט פון ישראל צעהעלט.

האָסטו געזען אַ בארג אין דער אייביקייט?
אַ בארג געשמידט מיט אַ בארג,
און ווי דער בארג אין דער אייביקייט —
מיין פאָלק ישראל איז שטארק.

האָסטו געזען אַ פעלדז אין דער אייביקייט?
אַ פעלדז פון שטיין און פון זאמד,
און אינעם פעלדז פון דער אייביקייט
בליט דאָרט דאָס יידיש לאַנד.

האָסטו געזען אַ טאָל אין דער אייביקייט?
גרויס ווי דער מדבר דער טאָל,
און אינעם טאָל פון דער אייביקייט —
דורות פון היינט און אַמאָל...

האָסטו געזען אַ וואלד אין דער אייביקייט?
פון צעדער־בוימער דער וואלד,

און אינעם ליכט-וואַלד פון אייביקייט;
די גבורה פון מיין פאָלק צעשטראַלט.

האָסטו געזען אַ ריז אין דער אייביקייט?
אויף טרעפּן אַזוי ווי אַ שרויף
און אויף די טרעפּ פון דער אייביקייט
דאָס ליכט פון ישראל גייט אויף!

ישראל, נאָװ. 1960

יעפים ישורין

מלכה לי - ביבליאגראפיע

מלכה לי'ס ווערק

1. לידער. **ניו־יאָרק, 1932, 160 זייטן.**
2. געזאַנגען. **ניו־יאָרק, 1940, 160 זייטן.**
3. קינות פון אונדזער צייט. **ניו־יאָרק, 1945, 160 זייטן.**
4. דורך לויטערע קוואַלן. **ניו־יאָרק, 1950, 176 זייטן.**
5. דורך קינדערשע אויגן. **בועּנאָס־איירעס, 1955, 184 זייטן.**

ווענן מלכה לי אין יידישע ביכער

6. אייזלאַנד, ראובן: **זעכציק טעג מיט אברהם ליעסין. פון אונדזער פרילינג, ניו־יאָרק, 1954, ז״ז 195־204. [דערמאָנט מלכה לי].**
7. אַלגין, מ.: **מלכה לי. קולטור און פאָלק, ניו־יאָרק, 1949, ז״ז 252־254.**
8. באטאשאַנסקי, יעקב: **יידישע ליטעראַטן און זייערע גרופּירונגען אין ניו־יאָרק. פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער. וואַרשע, אַרויס־געגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער" וואַרשע, 1933, ז' 152. [דערמאָנט מלכה לי].**
9. באַרדאַ־ריווקין, מינאַ: **מלכה לי. געזאַנגען, נ. י. 1940. לידער און איבערבליקן. בועּנאָס איירעס, 1958, ז״ז 66־70.**
10. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.: **יידישע ווערטער פון העברעישן אָפּשטאַם. לידער און עסייען. באַנד 2־עסייען. פאַרלאַג „צווייגן", ניו־יאָרק, 1932. [דערמאָנט מלכה לי].**
11. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.: **יוסף באָושאָוועו. דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך, ניו־יאָרק, 1953, ז' 522. [דערמאָנט מלכה לי].**

12. ביאַלאָסטאָצקי ב. י.: **פיר זיינען זיי געווען. דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך. ניו־יאָרק, 1953, ז' 522.**

13. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.: **דער לעצטער שאָטן און די געבויגענע מאַמע. חלום אין וואָר. אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט. ניו־יאָרק, 1956 ז' 133. [דערמאָנט מלכה לי].**

14. בראָנשטיין, יחזקאל א. מ.: מלכה לי — **לידער. אימפּרעסיעס פון אַ לייענער. פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1941, ז"ז 107־109.**

15. בראָנשטיין, יחזקאל: **„דורך לויטערע קוואַלן" פון מלכה לי. יאָ און נישט־ניין. אימפּרעסיעס פון אַ לייענער. לאָס־אַנדזשעלעס, 1953, ז"ז 169־174.**

16. כתבים פון חיים קרול. **פאַרלאַג אייגענע, ניו־יאָרק, 1954. [דערמאָנט מלכה לי].**

17. בראָנשטיין, יחזקאל: **פון דיכטונג צו פּראָזע. (מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן). אינאייינעם און באַזונדער. פאַראַלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1960, ז"ז 219־223.**

18. האָרן, י.: **לידער פון יידישע דיכטער, וואָס זענען אין טרעבלינקע נישט געווען.**
אין אונדזער דור, ערב און נאָך טרעבלינקע אין יידישן ליד. בועּנאָס איירעס, 1949. ז"ז 142־143. [דערמאָנט און איבערגעדרוקט מלכה לי'ס ליד „ליכטיקע כלהס"].

19. זשיטניצקי, ד"ר ל.: **מחשבות צום אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.**
אַ האַלבער יאָרהונדערט יידישע ליטעראַטור. „אייגנס". בועּנאָס־איירעס, 1952, ז"ז 73, 76, 105. [דערמאָנט מלכה לי].

20. מייזיל, נחמן: **דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור. פאָלקס־ביבליאָטעק שרייבער־סעקציע ביים איקוף. ניו־יאָרק, 1942, ז' 18. [דערמאָנט מלכה לי].**

21. ראָנטש, יצחק אלחנן: **לידער אַנטאָלאָגיעס. אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור. י. א. ראָנטש בוך־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1945, ז' 139. [דערמאָנט מלכה לי].**

22. ראַנטש, יצחק אלחנן: סאָציאַלע דיכטער. אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור. י. א. ראַנטש, בוך־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1945, ז"ז 157־158. [דערמאָנט מלכה לי].

23. ראַנטש, יצחק אלחנן: דער נעגער אין אונדזער ליטעראַטור. אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור. י. א. ראַנטש, בוך־קאָמי־טעט,ניו־יאָרק, 1945, ז"ז 234־235. [דערמאָנט מלכה לי].

24. ראַנטש, יצחק אלחנן: ביבליאָגראַפיע. אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור. י. א. ראַנטש, בוך־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1945, ז' 254. [דערמאָנט מלכה לי'ס בוך „געזאַנגען"].

אַרטיקלען וועגן מלכה לי אין זשורנאַלן און צייטונגען

25. א. ר'עפּאָרטער: אַ פּאָר טעג מיט מלכה לי. [אין טאָראָנטאָ]. [ווו און ווען געדרוקט אומבאַקאַנט].

26. אונגער, מנשה: שוואַרצע חופּות אויפן בית־הקברות. טאָג — מאָרגן זשורנאַל, ניו־יאָרק, [דאַטע אומבאַקאַנט].

27. אייסען, ד"ר א.: דיכטערישע פּראָזע. „דורך קינדערשע אויגן" פון מלכה לי, 1955. דער אַמעריקאַנער, ניו־יאָרק, יוני 29, 1956.

28. אַלגין, מ.: וועגן „צוויי לידער" פון חברטע מלכה לי. מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, אויגוסט 28, 1933.

29. אַלגין, מ.: מלכה לי. מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, יוני 6, 1937. איבערגעדרוקט אין „קולטור און פאָלק", ניו־יאָרק, 1949, ז"ז 252־254.

30. אַקרוטני, י.: יידישע דיכטערינס זינגען, טרויערן. יידישע צייטונג, בוענאָס־איירעס, אויגוסט 1, 1958. [דערמאָנט מלכה לי].

31. באַטאַשאַנסקי, יעקב: מלכה לי. קינות פון אונדזער צייט. צוקונפט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1945.

32. באַטאַשאַנסקי יעקב: די יידישע ליטעראַטור אין משך פון די לעצטע 40 יאָר. די פּרעסע, בוענאָס־איירעס, דעצעמבער 31, 1957.

33. באַרווין־פרענקעל: „קינעס פון אונדזער צייט", [פון מלכה לי]. אונדזער שטימע, פּאַריז, מערץ 28, 1946.

34. באַרקאַן, שרה: האָפענונג. [ליד]. איינדרוקן פון אַ נאָכמיטאָג מיט מלכה לי, ביים לייען־קרייז אין נוארק.
[ווו און ווען געדרוקט אומבאַקאַנט].

35. ביק, אברהם: לידער פון ווייטיק און בטחון. [מלכה לי] „דורך לויטערע קלאַנגען". מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, נאָוו. 12, 1950.

36. ביק, אברהם: די אַמעריקאַנער געשיכטע אין דער היגער יידישער ליטעראַטור. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, פעברואַר 1955, ז' 24.
[דערמאָנט מלכה לי].

37. ביילין, י. ב.: פאַרטריקנטע בלומען אין נייע וואַזאַנעס.
מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, יאַנואַר 14, 1945.

38. ביילין, י. ב.: מלכה לי און איר בוך „דורך לויטערע קוואַלן".
יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יוני 1951, ז"ז 49־53.

39. (בראַנשטיין, יחזקאל א. מ.): פון אייגן הויז. מלכה לי — לידער.
„ליד", לאָס אַנדזשעלעס, נומער 2, אַפּריל 1933, ז"ז 12־13.

40. בראַנשטיין, יחזקאל א. מ.: געזאַנגען. מלכה לי — לידער.
דער שפיגל, בוענאָס־איירעס, 1940.

41. בראַנשטיין, יחזקאל: פון אייגן הויז. „דורך לויטערע קוואַלן" פון מלכה לי. קאַליפאָרניער יידיש לעבן, לאָס אַנדזשעלעס, יאַנואַר 1951, ז"ז 9־10.

42. בראַנשטיין יחזקאל: „דורך לויטערע קוואַלן" פון מלכה לי.
קיום (1־2) (37־38), פאַריז, יאַנ.־פעב. 1951, ז"ז 62־63.

43. בראַנשטיין, יחזקאל: פון דיכטונג צו פּראָזע. (מלכה לי — „דורך קינדערשע אויגן"). לשון און לעבן, לאָנדאָן, אַפּריל1956, ז"ז 36־39.

44. בראַנשטיין, יחזקאל: פון דיכטונג צו פּראָזע.
קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, אַפּריל 16, 1956.

45. ברינמאַן, י. ר.: לידער פון מלכה לי. נ. י. 1932.
ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, אָקטאָבער 27, 1933, ז' 687.

46. גאָטליב, יעקב: די דיכטערין מלכה לי — אַ מערקווירדיקער טאַלאַנט. [קאָוונע, ווען געדרוקט אומבאַקאַנט].

47. גאָטליב, יעקב: די דיכטערין מלכה לי. דאָס פרייע וואָרט, לאָנדאָן, [דאַטע ווען געדרוקט אומבאַקאַנט].

48. גאָטליב, נ. י.: „דורך קינדערשע אויגן", אַ בוך זכרונות פון מלכה לי. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, מערץ 9, 1956.

49. גאַלאַנט, שמואל: וועגן מלכה לי. מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, יאַנואַר 2, 1953.

50. גאָלדבערג, א.: מלכה לי'ס פּלאַץ אין אונדזער דיכטונג. אונדזער וואָרט, ניו־יאָרק, פעברואַר 1946, ז' 11.

51. גאָלדבערג, ב. צ.: אונדזערע נאָענטע ליטעראַטור־שכנים. דער טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1922.

52. גאָלדבערג, ב. צ.: אין ליטעראַרישן ווינקל. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יאַנואַר 8, 1926.

53. גאָלדבערג, ב. צ.: פאַרן כבוד פון אונדזער ליטעראַטור. דער טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 21, 1945.

54. גאָלדבערג, ב. צ.: דיכטער און זאָגערס. דער טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 26, 1951.

55. גאָלדשטיין, יוסף: שטילע לידער אין אַ שטורמישער צייט. (וועגן שרה בירנבוימס לידער־ביכער). דאָס יידישע וואָרט, סאַנטיאַגאָ, סעפּטעמבער 10, 1954. [דערמאָנט מלכה לי].

56. גלאַטשטיין, יעקב: באַמערקונגען. יידישער קעמפער, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 23, 1945, ז"ז 13־14.

57. גלאַנץ־לעיעלעס, א.: 25 יאָר יידישע פּאָעזיע. דער טאָג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 26, 1939.

58. (גלאַנץ, א.) לעיעלעס: דורך קינדערשע אויגן. טאָג־מאָרגן זשורנאַל, ניו־יאָרק, פעברואַר 18, 1956.

59. גלאַנץ, י.: מלכה לי. אַ בוך לידער, נ. י. 1932, מעקסיקע, יוני 14, 1933. [אין וועלכער פּובליקאַציע געדרוקט אומבאַקאַנט].

60. גנעפּטער, אייב: נישטאָ קיין אַנדייט אויפן פּראָלעטאַריאַט. מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 4, 1933.

61. גראָבאַרד, ד"ר ב.: „דורך קינדערשע אויגן" — מלכה לי. צוקונפט, ניו־יאָרק, פעברואַר 1957, ז"ז 91־92.

62. דובינסקי, וו.: פאַרוואָס ? פאַראויס, מעקסיקע, אַפּריל 4, 1951, ז' 5.

63. האַרן, י.: ב. צ. גאָלדבערג איז געבליבן דער זעלבער.
יידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יוני 15, 1953.
64. ווינאָגראַד, מ.: שריפטן. אונדזער בוך, ניו־יאָרק, מערץ־אַפּריל, 1926, ז׳ 125.
65. ווײַנפּער, ז.: אונדזערע דיכטערינס. דער אויפקום, ניו־יאָרק, יוני־יולי 1928, ז׳ 58.
66. ווײַנפּער, ז.: מלכה לי. (צום דערשיינען פון איר בוך „געזאַנגען״). יידישע קולטור, ניו־יאָרק, פעברואַר־מערץ 1941, ז״ז 17־19.
67. ווייסבערג, משה: דורכויס לעבן און קאַמף. מאָרגן־פרײַהייט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 4, 1933.
68. ווייסמאַן, גבריאל: מלכה לי. ניי־וועלט, תל־אביב, יולי 13, 1951.
69. זינגער, ש. ד.: מלכה לי. לידער־1932. ליטעראַרישע בלעטער, נומ. 548, וואַרשע, נאָוועמבער 9, 1934, ז׳ 755.
70. זשיטניצקי, ד״ר ל.: מיט מלכה לי און אהרן ראַפּאַפּאָרט.
די פּרעסע, בוענאָס־איירעס, 1949. [גענויע דאַטע אומבאַקאַנט].
71. זשיטניצקי, ד״ר ל.: אין די בראָנקסער שאָלעמאַליכעם הייזער אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע.
די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יוני 25, 1949.
72. זשיטניצקי, ד״ר ל.: מלכה לי׳ס „לויטערע קוואַלן״.
די פּרעסע, בוענאָס־איירעס, אַפּריל 29, 1951.
73. חיימאָוויטש, ש.: פייערלעכער קבלת פּנים פאַר מלכה לי אין שיקאַגאָ. [נאָוועמבער 1950].
74. טויבענהויז, אפרים: די ראָמאַנטיק פון חסידות האָט שוין אַ יחוס פון הונדערט יאָר. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יולי 24, 1956.
75. יאַסני, אַ. וואָלף: שרייבער פון אַמאָל איז געווען... מלכה לי „דורך קינדערשע אויגן״. לעצטע נייעס, תל־אביב, מאַי 25, 1956.
76. יודסאָן, ש.: דער יערלעכער קאָנצערט פונעם אַרבעטער רינג־כאָר. טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, מאַי 27, 1958.
[דערמאָנט מלכה לי׳ס לידער].
77. ישורין, יעפים: פּופּציק יאָר „צוקונפט״ (1892־1942).
צוקונפט, ניו־יאָרק, מאַי־יוני 1942, ז׳ 348.
[דערמאָנט מלכה לי׳ס לידער].

78. ישורין, יעפים: 50 יאָר „צוקונפט"־ביבליאָגראַפיע.
צוקונפט, ניו־יאָרק, אויגוסט 1942, ז' 506.
79. כאַנין, נ.: אַ בריוועלע צו אַ פריינד. דער וועקער, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1, 1953, ז"ז 6־7.
80. כץ משה: מלכה ליס נייער בוך „געזאַנגען".
מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, דעצעמבער 22, 1940.
81. כץ משה: יידישע דיכטערין אין אַמעריקע. „געזאַנגען" פון מלכה לי. וואַכנבלאַט, טאָראָנטאָ, מערץ 12, 1942.
82. כץ, משה: קינות פון אונדזער צייט, לידער־זאַמלונג פון מלכה לי.
מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, פעברואַר 25 1945.
83. ליזויק, ה.: פון אַ בריוו. פּיאָנירן־פרוי. מערץ, 1956.
84. ליס, א.: מלכה לי — „קינות פון אונדזער צייט".
נייוועלט, תל־אביב, אויגוסט 17, 1945.
85. ליס, א.: ישראל־מאָטיוון ביי יידישע דיכטער.
לעצטע נייעס, תל־אביב, סעפּטעמבער 19, 1952.
86. ליסקי, י. א.: ישראל אַשענדאָרף אין דיכטונג און לעבן.
לשון און לעבן, לאָנדאָן, יאַנואַר 1957, ז' 26. [דערמאָנט מלכה לי].
87. לעבעדיגער: דעם אמת זאָגנדיק.
מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, 1942. [גענויע דאַטע אומבאַקאַנט].
88. לעבעדיגער: אויפן ליטעראַרישן יאַריד.
טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 8, 1950.
89. לעבעדיגער: אויפן ליטעראַרישן יאַריד.
טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, יאַנואַר 18, 1953.
90. לעבעדיגער: אויפן ליטעראַרישן יאַריד.
טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, מערץ 11, 1956.
91. מאַזע, איידע: די דיכטערין מלכה לי, צו איר באַזוך אין מאָנטרעאָל.
קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יוני 11, 1943.
92. מאַסט לואיזאַ: ניט קיין מאַרש פון האָרעפּאַשניקעס.
מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 4, 1933.
93. מוקדוני, ד"ר א.: לידער פון מלכה לי. — „געזאַנגען".
מאָרגן־זשורנאַל, 1940. [גענויע דאַטע אומבאַקאַנט].

94. מוקדוני, ד״ר, א.: וואָרים האָרץ און קאַלטע מייסטערשאַפט.
„קינות פון אונדזער צייט״, פון מלכה לי.
מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אויגוסט 5, 1945.

95. מילער, ל.: האַמער בעלעטריסטיק 1934.
סיגנאַל, ניו־יאָרק, מערץ 1935, ז׳ 23.

96. מינקאָוו, נ. ב.: טענדענץ און שטרעמונגען אין דער יידישער ליטע־
ראַטור אין אַמעריקע. צוקונפט, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1954, ז׳ 520.

97. מייזיל, נחמן: פריילינג און שחיטה.
יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יולי־אויגוסט 1941, ז׳ 10.

98. מייזיל, נחמן: דער „טרייענגל״ פייער אין ליכט פון דער יידישער
ליטעראַטור. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1948, ז׳ 36.

99. מיידל, נחמן: אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע.
יידישע קולטור, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1954, ז׳ 37.

100. מייזיל, נחמן: אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע.
יידישע קולטור, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1954, ז״ז 18, 20.

101. מייזיל, נחמן: אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע.
יידישע קולטור, ניו־יאָרק, פעברואַר 1955, ז״ז 7, 8.

102. מייזיל נחמן: פון חודש צו חודש.
יידישע קולטור, ניו־יאָרק, אַפּריל 1956, ז׳ 60.

103. מייזיל נחמן: פון חודש צו חודש.
יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יוני־יולי 1956, ז׳ 58.

104. מעסטל, יעקב: אַמעריקע אין יידישן וואָרט.
יידישע קולטור, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1955, ז׳ 5.

105. נאַדיר, משה: פון נעכטן ביז מאָרגן.
פרייהייט, ניו־יאָרק, אַפּריל 8, 1926.

106. ניגער, ש.: פון אַ לעזערס און אַ שרייבערס נאָטיץ־בוך.
דער טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 20, 1926.

107. ניגער, ש.: מלכה לי: לידער.
צוקונפט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1932, ז״ז 556־560.

108. נייגרעשל ד״ר, מענדל: דער לעצטער דור יידישע פּאָעטן אין
גאַליציע. צוקונפט, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1950, ז׳ 461.

109. סאָקאָלאָווער, א.: **טינט און פעדער: מלכה לי.**
פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יאַנואַר 18, 1946, ז׳ 5.

110. סיגאַל, י. י.: **נייע לידער־זאַמלונגען.**
קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יאַנואַר 22, 1933.

111. סיגאַל, י. י.: **מלכה לי.**
קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יוני 11, 1943.

112. סילווער, סיליאַ: **פּראָגרעסיווע דיכטערין מלכה לי שטאַמט פון רבישן הויף אין גאַליציע.**
דער אַמעריקאַנער, ניו־יאָרק, יוני 18, 1948, ז׳ 12.

113. סלאָנים, יואל: **וועגן מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע.**
יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1941, ז׳ 47.

114. סעקולער, בוזי: **דער באַזוך פון דער באַוווסטער דיכטערין מלכה לי ביי די לייען־קרייזן פון שיקאַגאָ.**
מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 18, 1950.

115. פּאַט, יעקב: **מלכה לי און איך אַליין.**
פּאַרויס, מעקסיקע, פעברואַר 1, 1953, ז׳ 7.

116. פּאָמעראַנץ, גרשון: **מלכה לי׳ס לידער.**
פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק. [דאַטע אומבאַקאַנט].

117. פּאָמעראַנץ, גרשון: **וואָס זינגען היינט די אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטן? מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 28, 1945.**

118. פּאַינס, דאָראַ: **דער באַזוך פון דער דיכטערין מלכה לי אין לאָס אַנדזשעלעס איז געווען אַ דערפאָלג. [ווו און ווען געדרוקט אומבאַקאַנט].**

119. קינדמאַן, שרה: **דער מאַמע־מאָטיוו ביי אַמעריקאַנער יידישע דיכטערינס. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1947, ז״ז 53־54.**

120. ראוז, לערי: **שוין אַנגעשריבן, אָבער...**
מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 4, 1933.

121. ראָוויטש, מלך: **וועגן אַ נייער דיכטערין און וועגן נייע דיכטער בכלל. [ווו און ווען געדרוקט אומבאַקאַנט].**

122. ראָוויטש, מלך: **יידישע דיכטערינס.**
ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, אָקטאָבער 18, 1928.

123. ראַוויטש, מלך: יידישע דיכטערינס אין ניו־יאָרק. ליטעראַרישער פּעליעטאָן. וואָכנשריפט, וואַרשע, אָקטאָבער 25, 1934, ז׳ 5.
124. ראַוויטש, מלך: פון מיינע באַגעגענישן. מלכה לי. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יאַנואַר 23, 1946.
125. ראַוויטש, מלך: מלכה לי — „דורך לויטערע קוואַלן״. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, מאַי 28, 1951.
126. ראַוויטש, מלך: מלכה לי. „דורך לויטערע קוואַלן״. די פּרעסע, בוענאָס־איירעס אויגוסט 11, 1951.
127. רייזען, אברהם: ליטעראַרישע רעוויו. די פעדער, ניו־יאָרק, 1942, ז׳ 102.
128. רייזען, אברהם: קינות פון אונדזער צייט, לידער פון מלכה לי. די פעדער, ניו־יאָרק, 1945.
129. שולשטיין, משה: מען קען ניט זיין גלייכצייטיק אי אַ צדיק און אי אַ רשע... אונדזער שטימע, סאַן פּאולאָ, פעברואַר 27, 1953.
130. שטערן, שלום: אַ ווײַ־געשריי פון אַ יידישער דיכטערין. מלכה לי — „קינות פון אונדזער צייט״. וואָכנבלאַט, טאָראָנטאָ, מערץ 22, 1945.
131. שטערן, שלום: אין אַלגינס וועגן. מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, מאַי 8, 1952.
132. שערמאַן, גרשון: די לידער זיינען אויסגעהאַלטן. מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 4, 1933.
131. שערער, א.: „מיין שטאָם מאַרשירט״ איז פּראָלעטאַריש. מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 3, 1933.

נאָטיצן אין זשורנאַלן און צייטונגען

134. אונדזער וואָרט, בוענאָס איירעס: יאַנואַר 22, 1953. ווירדיקע דערקלערונגען פון באַקאַנטע צוויי יידישע שרייבער. ב. צ. גאָלדבערג און מלכה לי.
135. אונדזער שטימע, פּאַריז: יוני 21, 1956. אַן ענטפער צו נחמן מייזיל.
136. אַרבעטער רינג כאָר לידער, ניו־יאָרק: מאַי 18, 1958. מלכה לי. [לידער].

137. דער וועקער, ניו־יאָרק: **יאַנואַר־פעברואַר 1927, ז׳ 48.**
ליטעראַרישע נייס.

138. דער טאָג, ניו־יאָרק: **דעצעמבער 21, 1952.**
דערקלערונג פון מלכה לי.

139. טאָג — מאָרגן זשורנאַל, ניו־יאָרק: **אָקטאָבער 12, 1957.**
סוכות־פייערונג ביי פיאָנערן פרויען.

140. טאָג — מאָרגן זשורנאַל, ניו־יאָרק: **דעצעמבער 16, 1957.**
פיאָנערן פרויען פאַרקויפן פאַר הונדערט טויזנט דאָלאַר ישראל באָנדס צו דעם ערשטן חנוכה־פעסטיוואַל.

141. טאָג — מאָרגן זשורנאַל, ניו־יאָרק: **אַפּריל 16, 1959.**
„פיאָנערן פרויען" פאַרקויפן פאַר 40.000 $ ישראל באָנדס ביי ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס מיט יידישע דיכטער.

142. טינט און פעדער, טאָראָנטאָ: **יאַנואַר 1949. ז״ז 50־51. מלכה לי.**

143. מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק: **פעברואַר 9, 1958.**
די פייערונג לכבוד דעם בוך פון מלכה לי מאָרגן אָוונט.

144. מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק: **אַפּריל 22, 1946.**
אויפנאַמע פאַר מלכה לי ביי פייערונג פון „מאַדערס דעי", דעם 11טן מאַי אין שיקאַגאָ.

145. די פיאָנערן פרוי, ניו־יאָרק: **מערץ 1956, ז׳ 7.**
מלכה ליס שאַפונגען

146. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל: **מערץ 19, 1956.**
אינטערעסאַנטער אָוונט לכבוד מלכה לי.

אין פרעמדע שפראַכן

147. **S(HATZKY), J(ACOB): LIFE IN A REMOTE CORNER.**
DURCH KINDERSHE OYGN, BY MALKE LI.
IN JEWISH BOOKLANG, NEW YORK, MARCH 1956. P. 6.

148. **THE JEWISH FORUM, NEW YORK, OCTOBER 1955. P. 164.**
JEWISH CONTRIBUTORS TO AMERICAN PROGRESS.

אין אַלמאַנאַכן און אַנטאָלאָגיעס

149. באַסין, מ.: יידישע פּאָעזיע אויף אַמעריקאַנער מאָטיוון. מלכה לי. ניו־יאָרק, 1955.

150. מייזיל, נחמן: די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. אין דינסט פון פאָלק — אַלמאַנאַך פון יידישן פאָלקס־אָרדן. ניו־יאָרק, 1947, ז״ז 302, 309, 314.

151. מלצר, שמשון: מלכה לי. על נהרות, תשעה מחזורי שירה מספרות יידיש. מוסד ביאליק, ירושלים, תשט״ז—1956. ז״ז 29, 71־72, 102־104.

152. נייגרעשל, מענדל: אליעזר שינדלער: קליינע אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער ליריק אין גאַליציע. ווין — 1936, ז״ז 24־46.

153. פּאַנער, י. און פרענקעל, א.: מלכה לי. נייע יידישע דיכטונג. פאַר־לאַג יידישער קולטור־קרייז י. ל. פרץ. יאַס, 1947, ז״ז 107־113.

154. קאַרמאַן ,ע.: מלכה לי. יידישע דיכטערינס־אַנטאָלאָגיע. פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ, 1927, ז״ז 247־254.

155. קיסין, י.: לידער פון דער מלחמה — אַנטאָלאָגיע. ניו־יאָרק, 1943, ז׳ 56.

156. רבינוביץ, צבי־יהודה: מלכה לי. ילקוט המוצגים, באַנד 2, בוענאָס־איירעס, 1943, ז״ז 1359־1361.

157. שטאַרקמאַן, משה: מלכה לי. המשך, אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקאַנער יידישע דיכטער, פאַרלאַג „המשך״, ניו־יאָרק, 1945, ז״ז 214־221.

158. שטאַרקמאַן, משה: מלכה לי. רשימות ביוגראפיות. על נהרות, מוסד ביאליק, ירושלים, 1956, ז׳ 433.

159. שניאור, ז.: אַ וואָרט פון ז. שניאור. לידער פון אסתר שומיאטשער־הירשביין, לאָס אַנדזשעלעס, 1956. [דערמאָנט מלכה לי].

אין פרעמד־שפראַכיקע אַנטאָלאָגיעס

160. LEFTWICH, JOSEPH: FOREWORD. ANTHOLOGY OF YIDDISH POETRY. CAMBRIDGE, MASS. 1939. P. XXXV, XXXVI.

161. MILBAUER, JOSEPH: MALKA LI. POETES YIDDISH D'AUJOUR'HUI. PARIS, 1936. P. 58—59.

162. PANNER I., FRANKEL E. MALCA LI. ANTOLOGHIE FIN DER NAIER IDISER DICHTUNG. FARLAG IDISER KULTUR KRAIZ "I. L. PERETZ". IAS — 1945, P. 54—55.

163. **Гребнев, Леонид.** Малка Ли (М. Леопольд) Л. Файнберг Еврейская Поэзия. Антология. Издание Союза русских евреев в Нью-Иорке. Нью-Иорк. 1947 г. Стр. 210 - 211.

אין ענציקלאָפּעדיעס

164. מלאָטעק, יוסף: די יידישע קינדער־ליטעראַטור אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן־ה. ניו־יאָרק, 1957, ז' 224.

165. שטאַרקמאַן, משה: יידישע ליטעראַטור אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. (1942־1955). אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, ייד־ה, ניו־יאָרק, 1957, ז' 132.

166. THE UNIVERSAL JEWISH ENCYCLOPEDIA, VOLUME 6, NEW YORK, 1942. P. 586. MALKE LEE.

167. WHO'S WHO IN WORLD JEWRY. MONDE PUBLISHERS, INC. NEW YORK, 1955. P. 438—439. MALKA LEE.

אינהאַלט

א

צום אויסגעבענקטן טאָג . 13
איך רוף דיך אַרויס . 14
גוטמאָרגן דיר, ליכטיקייט! 15
פרילינג 17
גאָלדענע זון . . . 18
פאַראַן אַ שפּראַך אַזאַ . 19
אַ זילבערנע נאַכט . . 20
אין דער שטילקייט . . 21
לאַנדשאַפט . . . 22
אויף פעלדזיקע שפּיצן . 23
שטורעם 24
צינד אָן דיינע בליצן . . 25
דער מעטעאָר . . . 26
טשאַנדאַלי און טשיקאַ . 27
וואָהיפּערוויל . . . 28
דער ווייַנפויגל . . . 29
אין דער שטילקייט . . 30
אויפן וואַסער־שפּיגל . . 31
שטערן דורך די בוימער . 32
דאָס קלענסטע גרעזל . 33
אַ בלאַט מיט אַ בלאַט . . 34
האַרבסט 35
דער האַרבסט־באַנד . . 36
דער גאָלדענער בוים . . 37
ס'איז פרילינג געווען . 38
מיט דיר 41
איך בין דיין גאָרטן . . 42
די רויטע רויז . . . 43

ב

זוי אַ פויגל געיאָגט . . 47
ליכטיקער גאָט . . . 48
דער געיאָגטער הירש . 49
די האָק 50
ווייסער שניי . . . 51
זיי שטאַרק, מיין פאָלק . 52
דער ברענענדיקער דאָרן . 53
די פאַרלאָזטע שול . . 55
ווער האָט פאַרשאָלטן דאָס
בליאיקע לאַנד . . . 57
דער שטראַליקער לייטער . 59

ג

דער היי־סטויג . . . 63
דער אַלטער שייער . . 64
צוויי ליידיקע עמער . . 66
דער פאַרמער און זיין
ברונעם 67
דזשאָן דיקס . . . 70
דער בלינדער זקן . . 74
אַ בינטל טרויבן . . 76

ד

דער נאַכטיגאַל פון מיין היים 79
דער קאַרשנבוים . . 80
דער ניגון . . . 81
עפן אויף מיר די טיר . 82

די קרישטאָלענע פלאַש . 83
ווייסע שאָלן . . . 84
ווו איז דער קבר פון מיין מאַמען 85
ריר ניט אָן מיט קיין האַק . 86
אַ ליאַלקע פון די שעכטער . 87
פאַרקויף ניט דאָס אַש פון מיין מאַמען . . . 88
אַ בוים נאָך מיין מאַמען . 89

ה

וואַלד, דו אייביקער! . . 93
אַזאַ שטילקייט . . . 94
בוימער 95
דריי לינדן . . . 96
צוויי ווערוריקלעך . . 97
בוימער אין נאַכטיקער שיינקייט . . . 98
אַ גרינער שירם . . . 99
שטערן מיינער, שטערן . 100
זוניקער טאָג פון מיין לעבן . 101
צוויי בוימער . . . 102

ו

קאַליפאָרניע . . . 105
פאַלמעס 107
טייטלען 108
אַ הייסער טייך . . . 109
אין די לעצטע טעג . . 110
צוויי בוימער פאַרברידערט . 111
מענטשן מיט זיבעציק שפראַכן . . . 112
פאַרעסט היל . . . 113
דאָס הויז פון די הירשביינס 115
אין פרדס פון דיכטונג . 116
קעגן גאָלד פון פאַרנאַכט . 117
כוואַליעס 118
ניאַגאַראַ־וואַסערפאַלן . 119

ז

די גאָלדענע קייט . . 123
דאָס הויז פון שלום (יו. ען.) 132
פרויען אין וואַרטזאַל ביים דאָקטאָר . . . 134
צו לייוויקן אין שפּיטאָל . 136
אויפן פּרץ־סקווער . . 137
אבלים 138
פאַרשעם ניט מיין ליד . 139
יידיש 140

ח

מיין טאָכטער חוה . . 143
מיין טעכטערל קומט . . 144
זעכצן מוידן . . . 145
וויין ניט, מיין טאָכטער . 147
מיין כלה־טאָכטער . . 148
איך פאַרבעט אייך קדושים . 149
מיין מאַמען . . . 150
ווינדעלעך ווייסע . . 151
דאָס קול פון די הימלען . 152

ט

אין ליכט פון דורות . . 155
חנהלע, גיי ניט פון מיר אַוועק 156
עס שאַלט דיין געלעכטער . 157
אַזוי ווי אַ כלה . . . 158

דער בוים האָט נאָך דיר
געוויינט 159
נעבן יוסף ראַלניקס מצבה 160
אויף די בערג פון שטילקייט 161
דיין פּוכן איבערבעט 162
ניט קלאָג! 163
דיין פּאָרטרעט 164
אין טרויער 165
שווייגן 166

די יידישע פאָן 169
צו אַ זינגער אין ישראל 170
שומרים פאַר ישראל 172
צוועלף מאַראַנצן 175
אַ זעקעלע ערד 176
זיידעס, מיינע זיידעס 177
די סוכה 178
צום אויפגאַנג פון נגב 179
הער, ישראל! 181
דער באַרג פון נצחון 182
נעבן די אבות געצעלטן 184
דער קאָלאָסעאום 185
איך בין געקומען אַהיים 187
דער טורעם 188
חנוכה־ליכט 189
אויפן הר ציון 190
די הייליקע וואַנט 191
דער זיידע מיט די אייניקלעך 192
ירושלים 193
דאָס ליכט פון ישראל 195

יעפים ישורין

מלכה לי — ביבליאָגראַפיע 197

ביכער פון מלכה לי

„לידער", ניו־יאָרק, 1932

„געזאַנגען", ניו־יאָרק, 1940

„קינות פון אונדזער צייט", ניו־יאָרק, 1945

„דורך לויטערע קוואַלן", ניו־יאָרק, 1950

„דורך קינדערשע אויגן", בוענאָס־איירעס, 1955

„אין ליכט פון דורות", תל־אביב, 1961

נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער — עסייען
ד״ר ח. שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
משה ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטיין	אינאַיינעם און באַזונדער
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון — פּאָעמע
א. סוצקעווער	אָזיס — לידער
מ. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט
ל. אַליצקי	מיין האַרץ־רייזע — לידער
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
נ. דרוזדוב	יידן אין מיטלאַלטערלעכן איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75טן געבוירנטאָג
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער

אין עברית:

יוסף רחן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פּאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגענדע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1) — אויספאַרקויפט
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין גערانגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאַקאַרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאַקאַרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד־העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון ווייַ און גלויבן
דוד זאַקאַליק	גערانגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפּער	ר' זלמן
א. שטיינבאַרג	משלים
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער